STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07295

# HERI SHER (1889-1951)

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# הערי שער

(1889—1951)

## פאַמיליע־בוך
## פון א וואָרט־פירער
## אין אַרבעטער רינג

לאָס אנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

# HARRY SHERR

(1889—1951)

PORTRAIT OF A NOBLE CHARACTER
IN THE ANNALS OF THE
WORKMEN'S CIRCLE

Published by a
COMMITTEE OF FRIENDS
Los Angeles, California
1953

PRINTED IN U.S.A.

111

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 HARLEM PLACE
LOS ANGELES 12, CALIFORNIA

אַרויסגעגעבן פון:

סאַוטערן קאַליפאָרניע דיסטריקט קאָמיטעט, ארבעטער רינג
וולאַדעק ברענטש 443 אַרבעטער רינג
אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד
אידישער אַרבעטער קאָמיטעט
אַרבעטער רינג שול פאַרוואַלטונג
„פאָרווערטס״

דורך די פאָלגנדע פאָרטרעטער:

| | |
|---|---|
| יהושע פאַרבער | א. ט. סילווער |
| י. טיללעס | מאיר וויינטרויב |
| א. וואולעס | י. לעוויט |

---

## ה. לאַנג - רעדאַקטאָר

---

לאָס אַנדזשעלעס, 1953



**הערי (אריה) שער**

(1889—1951)

# באַמערקונגען

ביים צוגרייטן דאָס בוך האָב איך געקלערט אַז אין עיקר זאָל דער אינהאַלט זיין פון אַ פאַמיליע־בוך.

פאַמיליע אין ברייטן זינען.

ניט ווי אַן אַלבום פון דער הערי שער־משפחה אַליין, נאָר מיט אָפּשפּיגלונג פון דער גרויסער אַרבעטער רינג משפחה, פון די פיל טויזנטער פאַמיליעס, וואָס דער אַרבעטער רינג איז זייער גע־זעלשאַפטלעכער לאַגער.

אויף ביכער מיט אַזאַ כאַראַקטער, מיין איך, וואָרט די אידישע פאָרשונג, און דער אַרבעטער רינג, ווי אַ באַוועגונג, דאַרף אין דעם האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס.

וואָרים ביי די אָפּשאַצערס פון אידישער אַנטוויקלונג אין אַמע־ריקע שטייט געוויינלעך דער אַרבעטער רינג בלויז ווי „נאָך אַן אָר־גאַניזאַציע”, און דאָס איז מורא'דיק אונטערשאַצט. זיי גייען אַרי־בער אָן אַ וועלכער פאַרטראַכטונג, אַז ווי די גרעסטע איינזאַמלונג פון דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע פאַרמאָגט אין זיך דער אַרבעטער רינג מער געשיכטע פון אידישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע ווי דאָס קען זיין דער פאַל מיט אַלע אַנדערע אידישע געזעלשאַפטן.

דאָס איז ניט גוזמא. די משפחות פון אַרבעטער רינג האָבן דורכגעמאַכט מער דראַמע, מער איבערקערעניש, מאַטעריעלע און גייסטיקע, מער ראַנגלעניש מיט דער סביבה, גוי'אישער און אי־דישער, מער צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס און סאָ־ציאַלע באַוועגונגען, מער קולטור־קאַמפן ביי זיך אַליין און לגבי דער וועלט, ווי דאָס האָט געקענט זיין דער גורל ביי די אַנדערע גרופּעס און שיכטן און קלאַסן אויף די אידישע לעבנס־וועגן אין די אַמע־ריקאַנער פרייהייטן.

אַזאַ קוק אויפן אַרבעטער רינג געפינט מען טאַקע ביי הערי שער'ן — לויט די מאַטעריאַלן, וואָס די אלמנה, דזשעני שער, האָט מיט גרויס געטריישאַפט צונויפגעזאַמלט אין זייער עלנט־געוואָרע־נער היים, אַז דערפון זאָל אַרויסקומען אַ באַשיידן בוך.

מיט זייער אייגנאַרטיקייט רייצן ממש די מאַטעריאַלן. זיי זיינען

פאַרהאַלטענע אַרטיקלען, שער׳ס און אַנדערענס, וואָס אין פאַרשיידענע ציַיטן זיינען זיי געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס״, אין „צוקונפט״, אין „פריינד״, אין „וועקער״. אויך אויפרופן זיינע צו די מיטגלי־דער פון אַרבעטער רינג, און באַריכטן פון קאָמיטעטן און קאָנפע־רענצן און נאַציאָנאַלע קאָנווענשאַנס, וואָס ער האָט זיי אויפגעשריבן. און בלעטלעך אין זיין האַנטשריפט, פאַרצייכנטע נאָטיצן אין איי־לעניש, צומאָל בלויז געציילטע ווערטער. און אפאָריזמען און לידער, ערנסטע און הומאָריסטישע, אָנגעהויבענע און ניט־פאַרענדיקטע. און אַ גאַנצע זאַמלונג פון אַ „בליק — א שטאָך — אַ פּיק״, די געראָטענע געגראַמטע ווערטלעך, אַריינצוזאָגן און אויסצוזינגען, וואָס שער פלעגט זיי פאַרפאַסן פאַר אונטערהאַלטונג ביי באַנקעטן. און טיף־ערנסטע פאַרשרייבענישן, פסוקים פון תנ״ך, באַמערקונגען וועגן דעבאַטעס איבער סאָציאַליסטישע אידייען, אַ ציטאַט פון ליטעראַטור, א געדאַנק פון י. ל. פרצ׳ן, אַן איבערזאַג פון שלום־עליכם, אַ פערז פון אברהם ליעסין, אַ שורה פון אברהם רייזין, וואָס דערמיט האָט שער געזוכט צו באַלויכטן פּאָלעמיק ביים אַרבעטער רינג איבער אידישע קולטור־ענינים, באַזונדערס איבער די אַרבעטער רינג שולעס. ער האָט זיי אויפגעשריבן זיצנדיק ביי אַ פאַרזאַמלונג, ביי אַ קאָנווענשאַן, אָדער גאָר פאַרנדיק אין קאַר. עס האָט אים אַ צופּ געטאָן אין האַרצן, אַ לויכט־געטאָן אין מח, האָט ער עס פאַרשריבן. איז דאָס טאַקע אַ שליסל צו זיין אייגענער פּערזענלעכקייט, אָבער ניט ווייניק איז צו זען דערפון אַן אינטימען פּאָרטרעט פון דער זיבעציק טויזנט קעפּיקער אַרבעטער רינג משפחה.

און נעמט מען פון די מאַטעריאַלן אַזוי ווי מען געפינט זיי, ניט סאָרטירט, שאַפט זיך אומגעוויינלעכע שפּאַנונג.

אָט זיינען צוואָרפענע שורות אויף עטלעכע בלעטלעך, ממש שטיקלעך פּאַפּיר, אַרויסגעריסענע פון אַ העפטל, וואָס ערשט ביים לייענען זיי איניאיינעם, קריגט מען אַ באַגריף וואָס זיי האָבן געצילט צו זאָגן; די שורות שטייען אין פאָרם פון אַ פּאָעמע:

דער פּאַסיפיק — אַ נייע וועלט ?
שוין אַלט . . .
אינזלען באַלייגטע מיט קברים.
אונזערע אויך.
אונזערע — פון אַרבעטער רינג.
קינדער.
יונגע בחורים.
איך קען די טאַטעס, איך קען די מאַמעס.

דער פּאַסיפיק — אַ סימבאָל פון טויט ביי זיי.
פון אַ פוסטער היים ביי זיי.

---

קאַליפאָרניע ווערט ניי.
נייע מענטשן שטראָמען אָן.
פון אומעטום קומען אידן.
אפשר צו די קברים אין פּאַסיפיק . . .

---

מיר זיינען אַ קלאַסיש פאָלק —
מיט וואַנדערונג.
דער אַרבעטער רינג ווערט אויך —
קלאַסיש.
מען זאָגט אין ברענטש: מען דאַרף וואָרענען;
נאַריש . . .
אַמעריקע איז אַזוי שיין, אַזוי פריי . . .

**איך הויב אַרויס אַנדערע בלעטלעך מיט איבערגעשלאָגענע שורות. זיי וויקלען אויס אַ געדאַנק —**

דער אַרבעטער רינג ביי אַ היסטאָרישער ראָל? וואָס זאָגט ער צו דער געשיכטע פון אונזער פאָלק? ער זאָגט: מיר האָבן גענומען דעם „ניין"־זאָגער פון דער פילאָזאָפישער אידישער וועלט, דעם משכיל, דעם ראַדיקאַל, דעם אַפּיקורס, דעם בונטאַר, דעם סאָציאַליסט, דעם אַנאַרכיסט, דעם אָוועקגעקערטן פון אַלטע טראַדיציעס, דעם אָפּפרעגער און פאַרלייקענער, דעם קאָסמאָפּאָליט און זאָרגער פאַר אינטערנאַציאָנאַליזם — און מיר האָבן פון אים אויסגעשמידט דווקא אַ „יאָ"־זאָגער, ער זאָל ווערן אַ פאַרטזעצער פון אידישע דורות, אַ ווייטערער בויער פון אידישער קולטור, אַ קראַפט פאַר נאָך מער אידישע עקשנות . . .

**נאָר אַט קומען אַרויס פון די מאַטעריאַלן נאָך שורות, און עס ווערט אַ בילד, אַ גרויס בילד פון דער אַמעריקאַנער אידישער היים, וואָס ציט זיך פון נויאָרק ביז קאַליפאָרניע. און אין הינטערגרונט אויפן בילד שטייען די פאַרשוואונדענע דורות פון דער אַלטער וועלט, וואָס איר נאָמען איז אַמאָל געווען ענטוועדער אוקראַינע, אָדער פוילן, אָדער גאַליציע, אָדער וואָלין, אָדער ווייס־רוסלאַנד, אָדער ליטע.**
**געציילטע שורות, און אַט וואָס זיי זאָגן —**

די דראַמע אונזערע — די דראַמע ביי אַרבעטער רינג

— וואָס איז זי ? אָט וואָס זי איז. עס שטייען טאַטעס און מאַמעס, וועמען אָרימקייט האָט, אין די יונגע יאָרן, אַרויס־געשלעפּט אפילו פון אָרימסטן חדר אין די קליינע בלאָטיקע שטעטלעך פון ערגעץ איבערן ים, און אַרום זיי שטייען איצט זין און טעכטער, וואָס זיינען אַהיימגעקומען פון די גרויסע קעמפּוסעס פון די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן. ס'איז דראַמע אין אידיליע, ליבשאַפט פון עלטערן צו קינדער, און פון קינדער צו עלטערן, אָבער גלייכצייטיק דער קאָנפליקט פון קולטורן . . .

**ריכטיק אָפּגעשאַצט. און קולטור־קאַמף מיינט דאָ צוזאַמענשטויס אין שפּראַך, אין מאַניר, אין געדאַנקען־וועלט, אין געמיט. און ווי אַ צו־קלאַנג קומט באַלד אַן איבערגעקערטע היים־דראַמע. הערי שער האָט אויפגעשריבן אויף אַ בלעטל פּאַפּיר אין דער צייט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָמוניסטן־קאַמף, און אויפגעשריבן האָט ער עס ביי אַ פאַרזאַמלונג, ביי וועלכער ער איז געוועזן דער פאַר־זיצער, און עס איז ווידעראַמאָל אַ סיטואַציע פון אַ גאַנצן פּעריאָד אַרויסגעשטעלט דורך עטלעכע געציילטע שורות:**

מען רעדט צו מיר ווייטער אין נאָמען פון יונגן דור. אַמאָל האָט עס געהייסן, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט, בין איך צו־ראַדיקאַל, און מיינע וועגן זיינען דערפאַר ניט קיין אַמעריקאַנישע, בעת דער יונגער דור, געהאָדוועט אין אַמעריקע, פאַרמאָגט פּראַקטישקייט, און מיר קענען זיך ניט דערנעענטערן, סיידן איך זאָל זיך ענדערן, אַלץ אין זיך רעווידירן. איצט, הייסט עס, אַז קוים בין איך אַ סאָ־ציאַליסט, זיינען מיינע געדאַנקען פאַרעלטערט, בעת דער יונגער דור איז ראַדיקאַל, קעמפעריש, און נאָר ער טרייבט די וועלט צו אַ נייעם לעבן, און אום מיטצוגיין מיט אים, מוז איך זיך רעווידירן, ענדערן, אָוועקוואַרפן מיין סאָציאַ־ליזם. שוין צום צווייטן מאָל, אַז מען הייסט מיך, אין נאָמען פונם יונגן דור, אָוועקוואַרפן מיין סאָציאַליזם . . .

**דאָס איז ניט בלויז טעאָרעטישע אָפּשאַצונג. דאָס איז היים־קאַמף צווישן עלטערן און קינדער. דאָס איז די אַרבעטער ריגג היים צווישן דער ערשטער און דער צווייטער וועלט־מלחמה.**

·.·

**אַ צונויפזאַמלונג פון קליינינקע צעטעלעך אין די מאַטעריאַלן איז ממש אַ הימנע צו דער ראָל פון ליכט אין אונזער לעבן — אָנ־**

געצונדענע ליכט — מיט אַן אויספיר אין שייכות צום אַרבעטער רינג, וואָס איז פאַרכאַפּנד.

אין איין צעטעלע דערציילט זיך בלויז: „איך האָב גערעדט מיט דזשעגין וועגן די אָנגעצונדענע ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען אויף זייער טיש, און איך האָב געזאָגט, אַז זיי זיינען מיר געפעלן" . . . זיינען זיי מסתמא געווען ערגעץ צו־גאַסט, הערי און דזשעני שער; און עס קומען נאָכדעם צעטעלעך וועגן ליכט און ליכט —

בענטשן ליכט אין שבת׳דיקע לייכטער.
הבדלה־ליכט.
דער נר תמיד.
די חנוכה־ליכט.
ליכט צוקאָפּנס ביי אַ מת.
די כל נדרי־ליכט אין מיין געבורטס־שטאָט.
יאָרצייט־ליכט.
דאָס ליכטל, מיט וועלכער מיין פאָטער פלעגט אַרומגיין
ביים פאַרברענען חמץ.
חופה־ליכט.
געבן ליכט אין אַ שול פאַר אַ קראַנקן.
דאָס ליכט וואָס צאַנקט ביי ביאַליקס מתמיד.
אַ קינד, אַ מאַמעס ליכט אין די אויגן.
די ליכט פון דער שכינה.
דער אומעט ביי פאַרלאָשענע ליכט.
ווען איך פאַרלעש אַ ליכט, ווערט מיר שווער אויפן האַרצן.
ליכט ביי חצות.
די ליכטלעך אויף אַ געבורטסטאָג־טאָרט.
אַ ליכט אין פענסטער אויף אַ פינסטערער גאַס.
ליכטיקע שטערן.
לבנה־ליכט.
די ליכט פון בית־המקדש . . .

און דער אויספיר איז —

„פאַרוואָס זאָלן מיר ניט איינפירן אַ צערעמאָניע מיט אָנצינדן ליכט ביי אונזערע פייערלעכע אָוונטן, ביי אונזערע קאָנווענשאָנס? עס וואָלט אונז צוגעגעבן יום־טוב. מיר דאַרפן אַ סימבאָל. לאָמיר זאָגן: צינדן ליכט פאַר אַלע געפאַלענע העלדן אין פרייהייטס־קאַמפן! מ׳וועט זאָגן: ס׳איז נאַאיוו, אָבער נאַאיוויטעט איז ליב. און ערשט דעמאָלט וואָלט דער אַרבעטער רינג געלויכטן. מיר וואָלט געווען ווי ביי אַ גרויסן פאַמיליע־טיש . . ."

אַזוי האָט שער געטרוימט וועגן אַרבעטער רינג. שטענדיק וואָס מיטן אַרבעטער רינג איז פאַמיליע־כאַראַקטער, און וואָס מיטן אַר־בעטער רינג קענען גיין היילקייטן, דעם ארבעטער רינגס לעבנס־פּאָעזיע.

היילקייטן און פּאָעזיע — שער האָט זיי געשפּירט אויך אין די נעמען, וואָס ברענטשעס פון אַרבעטער רינג האָבן זיך באַקרוינט מיט זיי, באַזונדערס אין קאַליפאָרניע.

נעמען אויסצודריקן יראת הכבוד צו וואָרט־פירער אין וועלט־סאָציאַליזם, אין וויסנשאַפט, אין ליטעראַטור; און צו געשטאַלטן אין געשיכטע און אין אידישן אַרבעטער־לעבן.

פאַראַן פאַרבליבענע נאָטיצן, וואָס הייסן ביי שערן: „אַריינ־געקוקט אין די אַרכיוון פון אַרבעטער רינג, קאַליפאָרניער אָפּטייל". שטייען פאַרצייכנט ברענטשעס וואָס ביים לעבן, און די וועלכע זיי־נען פאַרגאַנגען. הינטער די ברענטש נומערן שטייען די קאַליפאָר־ניער ישובים — פון גאָר גרויסער שטאָט ביז קליינער געמיינדע. עס איז אַן אייגענע געאָגראַפיע: לאָס אַנדזשעלעס און סאַן פראַנציסקאָ, סאַן דיעגא און פּאסאדינא, אוקלאנד און סאַן בערנארדינא, סאַקראמענטא און פרעזנאָ, סטאָקטאָן און פּעטאַלומא — און לאָס אַנדזשעלעס מיט גאָר אַן אייגענער לאַנדקאָרט פון קוואַרטאַלן און וואַליס, ווי זעלבסט־שטענדיקע פּראָווינצן. און ביי אַלעמען פון זיי גליען די באַזונדערע ברענטש־נעמען —

דעבס־ברענטש
הילקוויט־ברענטש
מאיר לאָנדאָן־ברענטש
ליעסין־ברענטש
מעדעם־ברענטש
חיים סאלאמאָן־ברענטש
וואָלט וויטמאַן־ברענטש
קראַפּאָטקין־ברענטש
לענין־ברענטש
איינשטיין־ברענטש
וולאַדעק־ברענטש
ווינטשעווסקי־ברענטש
זיגמאַן־ברענטש
דזשעק לאָנדאָן־ברענטש.

ביי צוויי האָט שער אויפגעשריבן באַמערקונגען:

וועגן דעם לענין־ברענטש: „אַ נאָמען אָנגעטראָגן אין אַרבעטער

רינג מיטן האָגל פון דער צייט, און ווי אַ האָגל־קנוילכל באַלד צעגאַנגען אין אונזער ליכטיקער וואַרימקייט״.

וועגן וואָלט וויטמאַן־ברענטש: „אונזער יוגנט ברענגט אים צו אונזער טיש, אַז מיר זאָלן זאָגן מיט אים פון זיין דיכטונג — „איינזאַם, זינגענדיק, קוק איך צו אַ נייער וועלט״ . . .

ביים טיש פון אַרבעטער רינג זיצט מען, אָבער, אין פריילעכקייט. עס הילכט מיט שפּאַס. מען זאָגט וויץ. עס פּאַלט קיבעץ. מען טרייבט קאַטאַוועס. און הערי שער — דווקא ער, דער טיף־ערנסטער, דער צאַרט־פאַראיידלטער, דער סטאַטעטשנער אַדוואָקאַט, דער מענטש מיט ישוב הדעת, דער אָפּהיטער פון יענעמס כבוד, דער דיפּלאָמאַט אויסצומיידן מחלוקת, דער שטילער, דער טאַקטפולער, דער סענסיטיווער שער — דווקא ער איז געווען דער גרויסער מאדים און דער גרויסער טאַלאַנט אויף ליצנות.

ניט ווי־צו־טאָן וועמען, נאָר דער געטראָפּענער זאָל דערפילן, אַז פּלוצלונג איז אויף אים אַרויפגעפאַלן אַ ליכט, און מענטשן אַרום אים לאַכן ווי מען לאַכט ביי אַ פאַמיליע־טיש.

הערי שער איז געווען באַוואוסט פאַר זיינע געגראַמטע ווערטלעך, וואָס ער האָט אָנגערופן „אַ בליק, אַ שטאָך, אַ פּיק״.

פיל דערפון האָט ער אָפּגעדרוקט אין קאָנצערט־ און באַנקעט־פּראָגראַמען, אויך אין ספּעציעלע „פּאַרוועדטס״־אויסגאַבעס פאַרן אַרבעטער רינג אין קאַליפאָרניע, אויך אין די קאַליפאָרניער אַרבעטער רינג־באַריכטן. זיי האָבן די באַריכטן באַצירט, צוגעגעבן טעם צו זיי. פיל זיינען געבליבן אין שריפט, לויט ווי ער האָט זיי אויסגעזונגען צוזאַמען מיט דזשעניק, זיין לעבנס־באַגלייטערין, און אַלע ביי אַן אַרבעטער רינג־סעודה האָבן מיטגעזונגען.

אַזוי פיל זיינען פאַראַן דערפון, אַז מ'האָט מיט זיי געקענט אויספילן אַ גרויס בוך. זיי קומען דאָ ניט אַריין מחמת זייער לאָקאַלן אינהאַלט, און דערצו זייער מאָמענט־כאַראַקטער. עס איז דאָך אַ כלל, אַז וואָס עס איז צוטרעפלעך ביי אַ באַנקעט אין מינוטן פון פאַרוויילונג, איז אומפאַרשטענדלעך פאַר לייענער ביים בלעטערן אַן אָפּגעדרוקט שריפט, אָדער אַ בוך, וואָס איז געצילט צו אַ ווייטערן און אַ ברייטערן קרייז. ווערן זיי אויסגעלאָזן, אָבער אַ מוסטער דאַרף אָנגעגעבן ווערן.

ביי אַ פריילעכן צוזאַמענקונפט פאַר די לאָס אַנדזשעלעסער אַרבעטער רינג־שולעס האָט שער זיך געווערטלט:

שול נומער צוויי וועט איצט האָבן
אַ היים גאָר פאַר זיך;

מיר ווינטשן וויניציקין דאָס זעלבע
גאַנץ גיך . . .

(וויניצקי איז אַ בחור).

אָדער וועגן איינעם פון די ערשטע לערער אין די לאָס אַנדזשעלעסער אַרבעטער רינג־שולעס:

ברזילי איז געוואָרן אַ דראָגיסט
מיט אַ זין;
די שול איז גאָר שוואַך —
זי דאַרף מעדיצין . . .

און וועגן אַן אַנדער לערער:

טרייסטער האָט געלערנט
אין שטעט וואו ס׳איז קאַלט;
ער קומט צו אונז יונג —
מיר׳ן שוין מאַכן אים אַלט . . .

די ווערטלעך זיינען געפאַלן אויף גאַנצע ברענטשעס, אויף אינסטיטוציעס, און אויף איינצלנע טוער.

אָט איז אַ ליסט פון איינצלנע טוער, וועמען שער האָט באַגראַמט און באַזונגען, און וואָס אינאיינעם זיינען זיי געווען — און פיל זיינען אויך איצט — די וואָרט־פירער אין דער קאַליפאָרניע אַרבעטער רינג־קהילה:

פאַרבער און פרוי
מאיר וויינטרויב
ה. ראָטבלאָט
פרוי פינקעלשטיין
אברהם פילער
מאַזעליס
שטיין
רובינשטיין
מענקאָף
נחום אַבראַמאָוויטש
ליוויי פון פרעזנא
פנחס קאַרל
וו. שוגער
י. פרידלאַנד
ראַוויטש
ב. לעווין
יודל לעווויט און פרוי
די דיכטערין מלכה טוזמאן
אָשרי
פרוי דווינסקי
מייקאָווסקי
ראַדין
אפטעקאַר און פרוי
טילעס
שטיינבערג
איזגור
ליסאָן פון אָוקלענד
חיים שאפירא
שיינין
בען פיינבערג
מעלצער
בוזין

פאָגעל
פּיטער קאָהן
וואוליס
ברומבערג
י. ראָזען
עפּשטיין
אַלפּערט
פּאָרטמאַן
שנייד
גרינפעלד
וויינשטאָק
ניושטיין
פינק
פעלדמאַן
פיליפּס
דזשייקאָבסאָן
ראָזען

ה. רויזענבלאַט
מאַרקוס
ראָזענשטיין
אַלפּערט
גילעס
ראָטמאַן פון אָוקלענד
ראָזענבערג
ליווי
ראָזין
סילווער
פייגעלע פּאָניטץ
פריימאַן
ניידיטש
ראָבין
שניידער
פעלדמאַן

די אַלע נעמען געפינען זיך אין הערי שערס פּאָרצייכנטע ווערט־לעך. און פאַראַן אַ ספּעציעלע ליסט פון געסט אין קאַליפאָרניע:

הלל ראָגאָף
אַדאָלף העלד
שלמה מענדעלסאָן
יעקב פּאַט
יוסף וויינבערג
י. ישורין
יוסף באָסקין

ב. וולאַדעק
א. ליטוואַק
בנימין טאַבאַטשינסקי
ה. לאנג
נ. כאַנין
ב. געבינער
ר. גוסקין

הינטער יעדן נאָמען קען שטיין אַ ביאָגראַפיע. און ערשט די ביאָגראַפיעס פון די לאָקאַלע וואָרט־פירער זיינען מאַטעריאַל פאַר קאַפּיטלעך געשיכטע. מיין איך, אַז ביים לייענער פונם שער־בוך וועט פאַרבלייבן אַ הונגער צו וויסן ווער איז ווער. און אַז אַזא הונ־גער איז שעפעריש: און איך מיין, אַז עס קומט אַ דאַנק דזשעני שער, וועלכע האָט די נעמען פאַרהיט.

ביים איבערקוקן די שער־מאַטעריאַלן איז מיר געווען די הנאה פון דורכגיין אַ געזעלשאַפט פון מענטשן, וועלכע האָבן געבויט אידיש לעבן אין די פרייהייטן פון אַמעריקע, הגם אַן אומעט וואָס אַ דור גייט אַוועק . . .

**ה. לאנג.**

ל. אַרקין
(פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג)

# מיין חבר אריה

פאַר אַלעמען איז ער געווען באַקאַנט אַלס הערי שער. פאַר מיר, אָבער, איז ער געווען ניט „הערי״, און ניט „שער״, נאָר „אריה״. אַזוי האָב איך אים גערופן נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן, ווען מיר זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין חדר. און ער פלעגט מיך רופן „לייבע״, אפילו אין די לעצטע יאָרן.

געבוירן זיינען מיר ביידע אין שטעטל לונע־וואָליע, גראָדנער גובערניע. דאָס זיינען געווען צוויי שטעטלעך, איינע לעבן דער אַנ־דערער, בלויז אַ קריסטלעכע גאַס האָט אָפּגעטיילט די שטעטלעך איינע פון צווייטן, און די גאַס האָט מען טאַקע אָנגערופן די „גויאישע״ גאַס.

אין די ערשטע קינדער־יאָרן, האָט אריה זיך געלערנט ביי דרדקי מלמדים אין די חדרים אין שטעטל וואָליע. איך האָב זיך געלערנט ביי אַנדערע מלמדים אין שטעטל לונע, אָבער ווען מיר זיינען אַביסל אויסגעוואַקסן, און מיר האָבן שוין גוט געלערנט גמרא, איז פאַר די עלטערן אין אונזערע שטעטלעך געווען דער פּראָבלעם וואו צו שיקן לערנען די עטלעכע אינגלעך מיט „די גוטע קעפּלעך״, פאַר וועמען עס איז שוין קיין מלמד ניט געווען אין שטאָט וואָס זאָל קענען מיט זיי ווייטערדיקע לימודים לערנען. האָט מען דעריבער באַשטעלט איינעם אַ לערנער וועמען מען האָט איינגערעדט צו ווערן אַ מלמד. זיין נאָמען איז געווען בערל כלאָוונע, און ער איז געוואָרן אונזער ביידנס רבי.

אין גאַנצן האָבן אין יענעם חדר געלערנט ניט מער ווי 9 אינגלעך, און דאָרטן האָב איך מיט אריה׳ן זיך נעענטער באַקאַנט, און מיר זיינען טאַקע געוואָרן נאָענטע חברים.

אריה (שער) האָט אַרויסגעוויזן אין חדר גרויסע פייאיקייטן אין זיין לערנען, און איבערהויפּט פּלפּול׳ן זיך האָט ער ליב געהאַט. ער האָט געוואָלט אין יעדער זאַך זיך דערגרונטעווען, און ער פלעגט שטעלן קשיות דעם רבי׳ן. מאַנכעס מאָל פלעגט דער רבי, וועלכער איז געווען אַ כעסן פון נאַטור, צעשרייען זיך אויף אים פאַרוואָס ער פּלפּול׳ט זיך אַזוי, אָבער מיר, די חדר אינגלעך, פלעגן זיך איינשטעלן

פאַר אריה'ן. מיר האָבן געזען, אַז ער איז געווען גערעכט מיט זיינע קשיות. מיר פלעגן זיך פאַר אים אָנגעמען, ווייל ער האָט אויך אונז אויפגעוועקט צו שטעלן האַרבע קשיות, און צו גרונטעווען זיך צו אמת'ן.

אין עלטער פון 10 יאָר, האָבן מיינע עלטערן מיך אָוועקגעשיקט לערנען אויסער אונזער שטאָט, האָב איך פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט אריה'ן ביז דעם יאָר 1915, ווען דער צופאַל האָט אונז ווידער צו־זאַמענגעפירט און שוין אין אַמעריקע. אין יאָר 1915, ווען די אַר־בעטער רינג קאָנווענשאָן איז פאַרגעקומען אין שיקאגא, האָבן מיר זיך ביידע געטראָפן אויף דעם ספּעציעלן צוג, וואָס האָט געפירט די דעלעגאַטן. אריה איז געווען אַ דעלעגאַט פון ניו יאָרק און איך האָב פאַרטראָטן די אַרבעטער רינג ברענטשעס פון פיטסבורג.

פון דעמאָלסט אָן האָט אונזער פריינדשאַפט, וועלכע איז באַנייט געוואָרן, אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. די 1915 אַר־בעטער רינג קאָנווענשאַן איז געווען די ערשטע, וואו איך בין געווען אַ דעלעגאַט. אריה איז שוין דעמאָלסט געווען עטלעכע יאָר אַ מיט־גליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, און אויך אַ נאַציאָנאַלער וויס־טשערמאַן, און איך וויל דאָ דערציילן, אַז אריה איז געווען דער ערשטער צו געבן מיר אַ שטויס פאָראויס, און שאַפן פאַר מיר אנערקענונג אין די רייען פון אַרבעטער רינג. האָב איך אים אפשר צו פאַרדאַנקען פאַר דעם הויכן אַמט, וועלכן איך פאַרנעם איצט אין דער אָרגאַניזאַציע.

זייענדיק שוין אַ „וועטעראַן" ביי קאָנווענשאַנס פון אַרבעטער רינג, האָט אריה דעמאָלט, ביי דער ערשטער קאָנווענשאַן מיינער, גע־פועל'ט, אַז איך זאָל דערוויילט ווערן אַלס וויס־טשערמאַן ביי אַ וויכטיקער זיצונג, און אויך ווערן אַ מיטגליד צום רעזאָלוציאָנס־קאָמיטעט. דאָס האָט מיר געגעבן מוט צו ווייטערדיקער טעטיקייט און צו דערגרייכן מיין איצטיקן שטאַפּל אין דעם אָרדן.

פון דער באַגעגעניש אויפן באַן אין יאָר 1915, האָט די פריינט־שאַפט שטאַרק פאַרבונדן אונזערעביידנס פאַמיליעס. מיר האָבן זיך נעענטער באַקענט און געפרייט זיך איינער מיטן צווייטנס דערפאָלגן. איך פלעג זיך פרייען מיט זיינע דערגרייכונגען, וויסנדיק אונטער וועלכע שווערע אומשטענדן ער איז צו זיי דערגאַנגען, לערנענדיק זיך ביינאַכט, און אַרבעטנדיק בייטאָג, ביז ער איז געוואָרן אַן אַדוואָ־קאַט. זיינע דערגרייכונגען אין דער לאָאָ־פּראָפעסיע און זיינע גע־זעלשאַפטלעכע טעטיקייטן האָבן מיך גאָר שטאַרק געפרייט. און ער, ווידער, האָט זיך געפרייט מיט מיינע דערפאָלגן. און אויך זיין ליבע

פרוי דזשעני איז מיר גוט באַקאַנט זינט מיינע יוגנט־יאָרן אין אונ־
זער שטעטל לונע־וואָליע.

איך האָב פיל מאָל געטראַכט, אַז ווען איך וועל קומען אַמאָל
קיין לאָס אַנדזשעלעס, וועל איך די ערשטע זאַך, פאָרן אויפן בית־
עולם און לייגן אַ קראַנץ בלומען אויף דעם קבר פון מאַטע־חיים,
מיין ליבן יוגנט־חבר, וועלכער איז געווען דזשעני שער׳ס ברודער.
איצט וועט מיר אויסקומען צו לייגן אַ צווייטן קראַנץ בלומען, אויך
אויפן קבר פון מיין יוגנט־חבר, אריה.

איך ווייס, אַז איך בין ניט דער איינציקער, וועלכער בענקט און
טרויערט אַזוי נאָך שער׳ן. ביי פיל איז ער געווען אַן אַרבעטער רינג
טוער, ביי אַנדערע אַ כלל־טוער, ביי מיר אַ טייל פון מיין לעבן.

## נחום כאַנין

(גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג)

# אונזער הערי שער

דער גרויזאַמער טויט איז געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט אין די קרייזן פון יענעם דור, וועלכער האָט געשריבן אַ וואונדערבאַר בלאַט אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. די רייען ווערן שיטערער, אָבער אין דער געשיכטע וועט ער פאַרבלייבן אַלס דער מערקווירדיקסטער, דער וואונדערבאַרסטער.

אויב דער טויט איז ניט גערעכט צו אונזער דור, איז ער אָפּט־מאָל זייער גרויזאַם צו איינצלנע. ער פאַרשניידט זייער לעבן אין אַ צייט ווען זיי האָבן נאָך געקאָנט פרוכטבאַר זיין, ווען לויט זייערע יאָרן האָבן זיי נאָך געקאָנט און געדאַרפט לעבן.

און מיין פאַרשטאָרבענער חבר **הערי שער** געהערט צו די פריי־צייטיק־אַרויסגעריסענע פון אונזערע רייען.

הערי שער האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פון ליבשאַפט און רעספּעקט אין דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאָס אַנ־געלעס, אָבער אַ ספּעציעלן פּלאַץ האָט ער פאַרנומען אין דער אידי־שער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אין אַרבעטער רינג. ער האָט זיך דערהויבן צו אַ פירנדער־ראָל אין אַלע צווייגן פון אונזער אידישן אַרבעטער לעבן.

ווי אַזוי איז ער געקומען צו דעם?

וועלכע כוחות האָבן אים דערהויבן צו דער פירנדער ראָל?

זיין פערזענלעכקייט איז אַ שיינער סימבאָל פון דעם בעסערן אידעאַליסטישערן עלעמענט אין אונזער אימיגראַנטן־לעבן.

געבוירין געוואָרן איז הערי שער אין אַ קליין שטעטל פון גראָד־נער גובערניע, לונע־וואָליע, ביי זייער אָרימע עלטערן. דער טאַטע אַ שניידער. ער האָט געהאַט אַ גרויסע אַמביציע פון זיין אריה׳ן (הערי שער) צו מאַכן אַ לייט. און אין יענע צייטן, ביי אַ טאַטן אַן אָרימען שניידער, האָט געמיינט, מאַכן פון דעם זון אַ רב, אָדער אַן אַנדער געשטאַלט פון „כלי־קודש״. אודאי ניט קיין שניידער. אוודאי ניט קיין שוסטער.

דער טאַטע האָט דעם יונגן יינגל געשיקט אין חדר, וואו ער האָט געלערנט גוט, מיט פלייס און מיט ליבע; אָבער, ווי זאָגט מען, אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. גראָד אין יענער צייט האָט זיך אין

גאַנץ ווייס־רוסלאַנד געגומען אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אונטער דער פאָן פון „בונד“, וועלכע האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע יידישע לעבן. הערי שער, נאָך גאָר אַ יונגער יינגל, איז אין דער באַוועגונג אַריינגעצויגן געוואָרן. ווייטער לערנען, און פאַרווירקלעכן די האָפענונגען פון זיין טאַטן, איז שוין אוממעגלעך געווען.

דאָס לעבן פאַר אים אין זיין שטעטעלע ווערט אַלץ ענגער און ענגער. ער באַשליסט צו פאָרן קיין אַמעריקע. אַהין האָבן זיך דעמאָלט געצויגן טויזנטער און טויזנטער יידישע בחורים און מיידלעך.

דאָ אין אַמעריקע האָט הערי שער דורכגעמאַכט די לעבנס־שוועריקייטן, וואָס יעדער איינציקער יידישער אימיגראַנט האָט דורכגעמאַכט אין יענער צייט. עס הויבט זיך דאָ אָן זיין פאַמיליע־קאַפּיטל. ער הייראַט מיט דזשעניז, אַ מיידל פון זיין שטעטעלע לונע. זיי ווערן נויאָרקער. הערי ווערט אַן אינשורענס אַגענט און אַרבעט שווער צו שאַפן זיך אַ היים און דערנערן פרוי און קינדער.

אין אונזערע רייען האָט מען הערי שערן תמיד געקענט ווי אַ מענטשן פון זייער אַ גוטן כאַראַקטער. ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט געקאָנט וואָס ענטזאָגן. מען האָט דערפאַר אים באַטראַכט פאַר אַ „קאָמפּראָמיסלער“. ער האָט זיך קיינמאָל מיט קיינעם ניט געוואָלט קריגן. זיין נאַטור האָט אים געזאָגט: איידער קריגן זיך, בעסער נאָכגעבן. אַנדערע האָבן דאָס גערופן „אונטערגעבן זיך“. און די וואָס האָבן אים ניט געקאָנט גוט, האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ מענטשן אָן אַ שטאַרקן כאַראַקטער. אין דער אמתן איז ער געווען פונקט דאָס פאַרקערטע. גראָד איז אויגעהאַלטנקייט געווען זיין נאַטור. דעם באַוויז האָט מען געזען אין זיין פּערזענלעכן לעבן.

גלייך ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פונם אַרבעטער רינג, און ער איז גלייך אינם אַרבעטער רינג געוואָרן אַקטיוו. אין אַלע וויכטיקע קאָמיטעטן איז ער געווען אַקטיוו.

גלייכצייטיק איז ער אויך געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. געאַרבעט האָט ער זייער שווער, סיי אין דער באַוועגונג, סיי אַלס אינשורענס אַגענט צו קענען מאַכן אַ לעבן.

און אַז ער האָט דערפילט, אַז פון אינשורענס וועט ער קיין געהעריקן לעבן פאַרט ניט קענען מאַכן, האָט ער באַשלאָסן צוגרייטן זיך פאַר אַריינגיין אין קאַלעדזש און ווערן אַן אַדוואָקאַט. מען האָט געדאַרפט האָבן כאַראַקטער און גרויסע אומקאָמפּראָמיסלעכע אַמביציעס, אַז מען זאָל עס קאָנען דערגרייכן. די שעה׳ן פון אַן אינשורענס אַגענט זיינען דעמאָלט געווען אומבאַשטימטע. עס פלעגט זיך אָנפאַנגען אין דער פרי און פאַרענדיקן זיך ביינאַכט. זיינע אַקטיווי־טעטן אין דער באַוועגונג זיינען אויך געווען ביינאַכטיקע. און ער

האָט קיין זאַך ניט אויפגעגעבן, און דאַך זיך צוגעגרייט צום קאָלעדזש, און שפּעטער געגאַנגען ביינאַכט אין אוניווערזיטעט.

דאָס איז פאַר אים געווען אַן אומגעהויער שווערער לעבן — און איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאַמיליע־מענטש, אַ טאַטע פון צוויי קינדער — און דער ענערגישער עקשן האָט מיט זיין שטאַרקן כאַראַקטער אַלץ גובר געווען, און ער האָט געענדיקט ווי אַן אַדוואָקאַט.

ביי אַלע ארבעטער ריינג צוזאַמענפאָרן איז הערי שער געווען אין די וויכטיקסטע קאָמיטעטן, ספּעציעל אין דעם רעזאָלוציע קאָמיטעט, וואָס האָט געשאַפן דעם כאַראַקטער און דעם גייסט פון אונזער אָרדן.

די אַרבעט פון אַזאַ קאָמיטעט איז אויך געווען ניט קיין לייכטע. אין אַזאַ קאָמיטעט זיינען אַלע מאָל געווען מענטשן פון אַ העכערער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געקאָנט זיך גריבלען אין די פאַרפּלאָנטערטסטע פּראָבלעמען ווי אַזוי צו שאַפן דעם כאַראַקטער, דעם גייסטיקן אויסזען פון אונזער אָרגאַניזאַציע. הערי שער האָט אַלע מאָל אַריינגעטאָן אין זיין מיסיע אַ סך ליבע און זי דורכגעפירט אויף אַ גלענצנדן אופן.

אין די צוואַנציקער יאָרן, באַשליסט ער אַריבערציען זיך מיט דער פאַמיליע קיין קאַליפאָרניע. דאָס אידישע לעבן אין קאַליפאָרניע איז געווען זייער יונג, קליין, ממש אומבאַדייטנד. אין סאַן פראַנציסקא און לאָס אַנגעלעס זיינען שוין אָבער געווען אַרבעטער רינג ברענטשעס. און הערי שער האָט באַלד דאָרטן זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט פון דער פאַרהעלטניסמעסיק יונגער אַרבעטער רינג באַוועגונג.

הערי שער איז געווען אַ סאָציאַליסט, אָבער ער איז אין זיין סאָציאַליזם געווען אַ סך אַנדערש ווי פיל סאָציאַליסטן פון יענער צייט. בעת זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט פריידיקן קלאַסנקאַמף, פירן פּאָליטישע וואַל־קאַמפּאַניעס און דעמאָנסטראַציעס, האָט ער דערמיט זיך ניט באַנוגנט. ער האָט געגלויבט אין קלאַסנקאַמף און אין פירן דעמאָנסטראַציעס, אָבער ער האָט זיך פאַרנומען אויך צו העכערעס. ער איז געווען אַ קולטור־מענטש, און האָט אַלע מאָל געפילט אַז סאָציאַליסטן דאַרפן זיך אַליין, און די מאַסן וואָס זיי פירן, גייסטיק דערהויבן. און דאָס האָט ביי אים געמיינט, אַז מען דאַרף זיין פאַרבונדן מיט די שענסטע טראַדיציעס פון אונזער פאָלק, און מען דאַרף ווערן צוגעבונדן צו אַמעריקע, צום לאַנד פון פרייהייט, פון דעמאָקראַטיע.

אין דעם אַרבעטער רינג האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז די אָרגאַניזאַציע, וועלכע קען דעם יידישן סאָציאַליזם גייסטיק דערהויבן; איז ער טאַקע אין לאָס אַנגעלעס געוואָרן דער געטרייעסטער ביי די

אַרבעטער רינג שולן, דער אַנטוויקלער פון אָפּעןֿ־פֿאָרומס, דער אי־ניציאַטאָר פון ארבעטער רינג כאָרן. זיין גאַנצע נשמה איז געוואָרן דורכגעדרונגען מיט יידישער און אלגעמיינער קולטור, און אויף די ביידע קולטורן האָט ער געבויט זיין סאָציאַליזם.

ניט נאָר האָט הערי שער געבויט דעם ארבעטער רינג לעבן אין לאָס אַנגעלעס; ער איז אויך געוועזן איינער פון די בויער פון דעם אלגעמיין־יידישן לעבן אין שטאָט.

מיטן צונעמען אים פון אונז האָט דער טויט באמת אויסגעריסן אַ וואונדערבאַרן בוים מיט פאַרשידנאַרטיקע צווייגן. ער האָט זיין לעבן תמיד שיין און גייסטרייך געמאכט. און נאָר מיט ליבשאַפט וועלן מיר אים אַלעמאָל דערמאָנען — זיין **ליכטיקע** געשטאַלט, זיין **גוטס**־**קייט**, זיין **חברישקייט**.

יהושע פאַרבער

(סעקרעטאַר פון סאַוטערן קאַליפאָרניע
דיסטריקט קאָמיטעט, אַרבעטער רינג)

# פאַמיליע־מענטש - דער אַרבעטער רינג, זיין משפחה

הגם איינער פון דער פאַמיליע — מיר זיינען שוואָגערס — קען איך פונדעסטוועגן געהעריק אָפּשאַצן די ראָל פון הערי שער אין אונזערביידנס גאָר גרויסער משפחה, אין דעם אַרבעטער רינג, באַזונדערס אין קאַליפאָרניע. און עס איז מיר, קודם כל, ליב צו פאַרצייכענען, אַז פאַר די העכער דריי צענדליק יאָר וואָס אונזער פאַמיליע האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט שער געלעבט אַ שיין, ווירדיק און נוצלעך לעבן סיי אָרגאַניזאַציאָנעל, סיי געזעל־שאַפטלעך.

אוודאי האָט ער אויך געפירט אַ זייער ריינעם פערזענלעכן לעבן. עס איז געווען אַ גליק פאַר אונזער דור, אונזער שטאָט און פאַרן סטייט, וואָס מיר האָבן געהאַט אַזאַ אויפריכטיקן און באַליבטן פריינט און חבר.

אַ חוץ זיין נאָענטער פאַמיליע: די פרוי, די טאָכטער, דער איידים, די אייניקלעך, און די אַלע אַנדערע נאָענטע קרובים און פריינט, האָט דער אַרבעטער רינג געליטן אַ גרויסן און שטאַרקן פאַרלוסט אין הערי שער׳ס פריצייטיקן טויט. ער איז געווען די אַלע יאָרן אַקטיוו אין כמעט אַלע אידישע אַרבעטן, און אומעטום פאַרטראָטן דעם אַרבע־טער רינג, און ער האָט עס געטאָן מיט חשיבות, מיט שטאָלץ, וואָס האָט אַרויסגערופן ליבשאַפט און צוטרוי ניט נאָר צו אים פער־זענלעך, נאָר צו דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע.

מען קען זאָגן: זיין גאַנצן דערוואַקסענעם לעבן איז הערי שער געווען אַן אַרבעטער רינג טוער. אויף דעם זאָגט עדות די לעצטע געשיכטע פון אַרבעטער רינג, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דעם גאָלדענעם יובילעי פון אונזער אָרדן.

אין דער אָפּטיילונג, וואו עס ווערט דערציילט פון אַלע נאַציאָ־נאַלע פאַרוואַלטער פון דער גרויסער פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע, געפינען מיר, אַז הערי שער איז אין יאָר 1913 געווען אַ מיטגליד אין דער נאַציאָנאַלער בילדונגס קאָמיטע פון אַרבעטער רינג; פון דעם יאָר 1914 ביז 1915 — אין דער נאַציאָנאַלער קאָנטראָל קאָ־מיסיע, און פון 1916 ביז 1917 — אין דער נאַציאָנאַלער גריוועגס

קאָמיסיע, און אין יענעם יאָר איז ער אויך געווען דער נאַציאָנאַלער וויס־פּרעזידענט.

אין יאָר 1920 קומט הערי שער זיך באַזעצן אין לאָס אַנדזשעלעס, און באַלד ווי ער קומט, וואַרפט ער זיך אַריין אין די אַרבעטער רינג טעטיקייטן, און ביי דער ערשטער סטייט קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין דער שטאָט פרעזנאָ, איז הערי שער געווען אַ זייער חשוב׳ער גאַסט. און די אַלע, וואָס זיינען געווען ביי יענער קאָנפערענץ, וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן די גרויסע באַגייסטערונג, וואָס ער צוזאַמען מיט זיין פרוי דזשעני האָבן אין יענעם צוזאַמענפאָר און אין די ווייטערדיקע יערלעכע סטייט צוזאַמענפאָרן אַריינגעבראַכט.

מיט דריי יאָר שפּעטער ווערט ער דעלעגירט פון דער אַרבעטער רינג מיטגלידערשאַפט פון גאַנץ קאַליפאָרניע אַלס נאַציאָנאַלער דירעקטאָר. פינף מאָל איז ער אַזוי דערוויילט געוואָרן צו דער העכסטער אינסטאַנץ פון אַרבעטער רינג. און דערצו איז ער אויך געשיקט געוואָרן אַלס אַ דעלעגאַט צו אַ רייע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאַנס. אַזעלכע פאַקטן אַליין ווייזן ווי פּאָפּולער הערי שער איז געווען אין די אַרבעטער רינג רייען, און ווי גערן די מיטגלידערשאַפט איז געווען, ווען הערי שער האָט זיין קאַנדידאַטור אַרויסגעשטעלט פאַר אירגנד וועלכן אַמט.

עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז אין דעם זעלבן יאָר ווען הערי שער איז אָנגעקומען אין קאַליפאָרניע, האָט זיך אָנגעפאַנגען די מורא׳דיקע קאָמוניסטישע צייט אין דער אידישער טרייד יוניאָן באַוועגונג און אין אַרבעטער רינג.

די קאָמוניסטן איז אין יענע יאָרן געלונגען צו פאַרכאַפּן און שפּעטער פאַרניכטן די זייער גוט גייענדע קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי אין לאָס אַנדזשעלעס. זיי איז אויך געלונגען פון צייט צו צייט צו פאַרכאַפּן די קאָנטראָל פון די שניידער יוניאָנס. אין אַרבעטער רינג, אָבער, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקער פעסטונג און אויף אַ גוט אָרגאַניזירטן אַקטיוו, וואָס איז געווען גרייט אויף שווערע קרבנות, צו באַשיצן אונזער באַוועגונג. און איינער פון די וויכטיקסטע טוער און אָרגאַניזירער קעגן די קאָמוניסטן אין אַרבעטער רינג איז געווען הערי שער. זיינע פאַרדינסטן אויף דעם דאָזיקן געביט זיינען ניט אָפּצושאַצן.

אין די רייען פון אַרבעטער רינג האָבן אין דעם גאַנג פון דער צייט אויך געהערשט שטאַרקע מיינונגס־פאַרשידנהייטן אויף דער פראַגע — „דאַרפן אידישע ראַדיקאַלן האָבן אַ שייכות מיט אַלגעמיינע אידישע ענינים?״ שער האָט אַרגומענטירט, און דאַן באַוויזן מיט מעשים, ווי וויכטיק עס איז פאַר דער אָרגאַניזאַציע, אַז מען זאָל אַקטיוו זיך

יאָ באַטייליקן אין אַלע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע, הילפס־טעטיקייטן און אין אַלגעמיינעם אידישן קהלה־לעבן, און זיין דאָרטן פאַרטראָטן דווקא ווי פאַרשטייער פון אַרבעטער רינג.

הערי שער האָט באַלד נאָך זיין באַזעצן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס אויך זיך אַריינגעטאָן מיט לייב־און־לעבן אין די טעטיקייטן פון דער „שטאָט פון האָפנונג" אין דואַרטע, וואו ער איז געווען אַ דירעקטאָר און געהאָט אַנדערע וויכטיקע אַמטן ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אום צו דינען אַמבעסטן די אינ־טערעסן פון אַרבעטער רינג, איז עס ניט דורך אָפּגרעניצן זיך פון דעם אַלגעמיינעם אידישן לעבן, נאָר פאַרקערט, ווי אַ סאָציאַליסט און ווי אַ ראַדיקאַל, ווירקן, אַז דער אידישער כלל־לעבן זאָל זיך פירן אין פּראָגרעסיוון גייסט און אין די בעסטע אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן, וועלכע מוזן זייער אָפט אָנקומען נאָך הילף צו די פאַר־שיידענע אידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

ער איז דערפאַר אויך געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אין לאָס אַנדזשעלעס געגרינדעט דעם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, און שפּעטער, דעם אידישן קאָמיוניטי קאָונסיל. און ווען די ביורא פון אידישער דערציאונג איז פון קאָמיוניטי קאָונסיל געשאַפן געוואָרן, איז ער אויך דאָרט געווען פון די ערשטע. אים איז אויך געווען נאָענט די אַרבעט פון פאַראייניקטן אידישן וועלפער פאָנד, און אַזוי אויך די אַרבעט פון הסתדרות־העובדים אין ישראל. איבעראַל, וואו ער האָט באַלאַנגט, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו דערמאָנען: „איך פאַרטרעט דעם אַרבעטער רינג!"

אין לויף פון די פילע יאָרן, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ הויכן סטאַזש פון אַכטונג און אנערקענונג אין דעם אַלגעמיינעם אידישן לעבן פון שטאָט, און אַ דאַנק אים האָט אויך די אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט פאַרטראָטן, געוואונען חשיבות. ער איז קיינמאָל פון זיינע פּאָסטנס ניט אָפּגעטראָטן, ניט געקוקט, וואָס אָפטמאָל איז אויסגע־קומען צו אַרבעטן אונטער זייער אומגינסטיקע אומשטענדן, וואו עס האָט זיך געפאָדערט אָן אַ שיעור געדולד, טאָלעראַנץ, אויסדויער, צו קענען איבערטראָגן אפילו באַליידיקונגען — ער האָט די אַלע גרויסע מעלות באַזעסן.

פון דער נאַטור אַ זייער ליבער מענטש, האָט ער אַלעמאָל גע־זוכט דעם פרעמדן צו דערקענען און דעם אייגענעם צו פאַרגעבן. ער איז געווען דער ערשטער צו פאַרגעבן פאַראיבלס. און פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט זיך צו אים געווענדעט, זיינען זיינע טירן געשטאַ־נען אָפן, און ביים געזעגענען זיך האָט ער מיטגעשיקט זיין ברכה.

ער איז אויך געווען אַ שמח בחלקו. ער האָט געבראַכט פרייד ביי אַלע פאַרזאַמלונגען. ער האָט באַזעסן אין אַ גרויסער מאָס אַ חוש

פאַר הומאָר, און עס געקענט אויסנוצן אויף אַ זייער געלונגענעם אופן — ניט אימיצן חלילה דערמיט ווי צו טאָן, נאָר פאַרקערט, דער־מיט אַריינברענגען שפּאַס און געזאַנג און גוטע שטימונג.

מיט דעם טויט פון הערי שער איז דאָס אַלעס אַפּגעשטאָרבן. זיין טויט האָט איבערגעלאָזט אַ ליידיק אָרט.

## וואָס מען טראַכט וועגן הערי שער'ן אין אַרבעטער רינג בכלל?

אַט האָט וועגן אים געשריבן אונזער נחום כּאַנין, גענעראַל סעק־רעטאַר פון אַרבעטער רינג.

„ה. שער איז געווען אַן איינגעוואָרצלטער אין אונזער אידיש אַרבעטער לעבן. געווען איינער פון די, וועלכער האָט געקוקט אויף דעם אַרבעטער רינג ניט דורך גלעזער פון די בענעפיטן, וואָס דער אַרבעטער רינג האָט אין די לעצטע 50 יאָר געגעבן זיין מיטגלי־דערשאַפט. ער האָט באַטראַכט די בענעפיטן פאַר דעם סקעלעט פון אונזער אָרגאַניזאַציע, אָבער פאַר אים איז דער סקעלעט געווען ניט גענוג. אפילו די בלוט און פלייש פון אַרבעטער רינג איז געווען פאַר אים ניט קיין צוציאונג. ער האָט אַלעמאָל געזוכט אינהאַלט, אַ גייס־טיקע נשמה.

„הערי שער האָט דורך זיין פּראָפעסיע געקענט אָנשפּאַרן אין די הויכע שפּיצן פון דעם אידישן לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס, ווען ער וואָלט געווען אַ קאַריעריסט, און געהאַט אין זינען נאָר זיין איי־גענעם קריכן אויפן לייטער פון פּערזענלעכן און מאַטעריעלן דער־פאָלג. דאָס האָט ער אין זיין לעבן קיינמאָל ניט געטאָן. דאָס האָט אים קיינמאָל ניט אינטערעסירט. אַלץ וואָס דער אַרבעטער רינג האָט געבויט האָט ער ניט נאָר גערעדט פאַר דעם, נאָר האָט אויך געטאָן. האָט מען געבויט אַ כאָר פון אַרבעטער רינג, איז ער ניט נאָר געווען זיין אָרגאַנייזער, נאָר איינער פון זיינע זינגער. האָט מען געבויט שולן, כדי צו געבן אידישע קינדער אַ אידיש־וועלטלעכע און סאָציאַליסטישע דערציאונג, איז ער געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען, און קיין אַרבעט איז פאַר אים ניט געווען קליין. אַזוי איז ער געווען אויך אין קעמפ־אַרבעט. איבעראַל האָט ער געגעבן האַרץ.

„שער איז געווען איינער פון יענעם טיפּ מענטשן, וועלכער האָט אַלעמאָל אין אונזערע רייען געזוכט פאַרשטענדעניש. יעדער אינער־לעכער קריג האָט אים פאַרשאַפט צער. אַנדערע האָבן עס צוגעשריבן צו אַ שוואַכן כאַראַקטער. אָבער דאָס איז אַ פאַלשע אויסטייטשונג. ווען ער וואָלט געהאַט אַ שוואַכן כאַראַקטער, וואָלט ער ניט געהערט צו אונזער באַוועגונג, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל שווערע און ביטערע צייטן. ניט קיין שוואַכן כאַראַקטער, נאָר אַ גוט האַרץ און נשמה האָט ער באַזעסן. ער האָט באַטראַכט דעם אַרבעטער רינג פאַר

זיין אייגענער משפחה, וואו שלום און מענטשלעכקייט דאַרפן הערשן. דאָס איז אַ גרויסע מידה. און טאַקע פאַר אַט דעם גרויסן מענטשלעכן שטריך אין זיין כאַראַקטער, האָבן אים אַלע ליב געהאַט".

און פון יוסף באַסקינ׳ען, וועמעס נאָמען איז אומצעשיידבאַר פון דער געשיכטע פון אַרבעטער רינג, זיינען פאַרבליבן צוואה־ווערטער וועגן הערי שער׳ן:

„אוועק פון אונז ניט קיין אַלטער מאַן, אָבער מיר דוכט זיך, איך קען אים הונדערטער יאָרן. עפּעס אַזוי טיף איז ער איינגע־באַקן געוואָרן אין מיין האַרצן. אַזוי פיל שיינע דעראינערונגען וועגן זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן. זיין אַקטיוויטעט אין אונזער אָר־גאַניזאַציע, און זיין פּערזענלעכער חן, זיין צוויבער־שמייכל האָט אויף איך געווירקט ווי אַ באַלזאַם. אין די ביטערסטע יאָרן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט איז ער געווען שטענדיק דער שמייכלענדיקער, דער צאַר־טער, דער ליבער.

„איך האָב זיך געטראָפן מיט שער׳ן נאָך גאָר אין מיינע יונגע יאָרן, ווען איך בין ערשט אַריין אין אַרבעטער רינג, און מיר זיינען איינער צום אַנדערן ווי צוגעבונדן געוואָרן. עס איז געווען אַ פול־שטענדיקע האַרמאָניע פון צוויי חברים, וועלכע האָבן פאַראייניקט זייער שיקזאַל מיט דעם שיקזאַל פון דער גאַנצער, הערלעכער אי־דעאַלער שטרעבונג צו אַ העכערן ציל, צו אַ שענערן לעבן, צו אַ גליקלעכערער וועלט.

„אונזער אַרבעט אין דעם אַרבעטער רינג איז ביי אונז ביידן באַטראַכט געוואָרן אַלס דער שטאַפּל, וועלכער וועט אונז פירן צו דעם אידעאַל, וועלכן ער האָט ניט פאַרלאָזן ביז זיין לעצטער מינוט. מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען אין ניו יאָרק, און ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע, איז ער געוואָרן דאָרטן דער שליח־ציבור פון אונזער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס הלואי זאָלן מיר אין יעדן דור האָבן אַזאַ פאַרטייטשער פון אונזערע שטרעבונגען".

און אַט האָט פאַרצייכנט ב. געבינער אין די פּראָטאָקאָלן פון אַרבעטער רינג — אַז

„יעדער ענין פון דער אידישער קולטור, ווי פון אידישן סאָציאַ־ליסטישן שטרעבן, איז געווען אַ טייל פון הערי שער׳ס לעבן, און דאָס האָט מערקווירדיק האַרמאָנירט מיט זיין ליבשאַפט צו מוזיק, צום אידישן ליד. אונזער גאַנצער דור מיט צער און מיט האָפענונג איז אים געווען אַ ליד, אַ תפילה, און ער אַליין אַ טייל פונם געזאַנג".

מיט אַזאַ אנערקענונג האָט זיך אָפּגערופן די גאַנצע אידישע

סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויך ווען עס איז געווען אַ פּריוואַטער פאַמיליע־יום טוב ביי הערי און דזשעני שער. אין יאָר 1936 האָבן זיי געפייערט זייער זילבערנע חתונה, האָט יוליוס לעוויט געשריבן וועגן דעם אין „פאָרווערטס" —

„אַקטיווע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און צוגויפגעלעבטע מיטן אַר־בעטער רינג, איז די זילבערנע חתונה פון הערי און דזשעני שער אַ יום טוב ביי אידישע סאָציאַליסטן אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו די שערס האָבן זייער היים. ביידע זיינען זיי פון דעם שיכט פון אונזער אינטעליגענץ, וואָס איז צוגויפגעלעבט ניט בלויז מיט שטרעבונגען צו גוטס פאַרן פאָלק, נאָר אויך מיטן פאָלק גופא.

„די אַרבעטער באַוועגונג איז ניט מיט רויזן אויסגעבעט. גאַנץ אָפט קומט אויס אין קאַמף פאַר אויסגעהאַלטנקייט, פאַר פּרינציפּן און באַשטימטע פּאָליסיס, צו ווערן אַטאַקירט. מען מוז עס קענען אויסהאַלטן. מען מוז קענען נעמען קריטיק, און מען דאַרף אויך ניט שרעקן זיך אָפּצושלאָגן אַטאַקעס — ווען נויטיק. עס איז אויסגעקור־מען געגאָסע שער'ן, צו זיין דער פאָרזיצער פון אַרבעטער רינג אין קאַליפאָרניע אין ערנסטע צייטן פון קאָמוניזם, און ער האָט מיט גרויס ווירדע פאַרטראָטן די אַרבעטער רינג שטעלונג, און אַלע אַטאַקעס אָפּגעשלאָגן.

„אויך איצט, ביי דער פייערונג פון דער זילבערנער חתונה, קומט אויס דעם אַרבעטער רינג צו קעמפן פאַר זיינע פּרינציפּן און פּראָ־גראַמען, און ווידער איז הערי שער דער פאָרזיצער אין קאַליפאָרניע, און ווידער רעאַגירט ער מיט אַלע זיינע פעיאיקייטן.

„און דזשעני שער איז ניט נאָר דער לעבנס־חבר פון איר מאַן, נאָר זי איז אַקטיוו אין דערזעלבער באַוועגונג און קעמפט מיט דער־זעלביקער אַנטשלאָסנקייט פאַר אויסגעהאַלטנקייט און גערעכטיקייט.

„עס לאָזט זיך שרייבן מיטן גאַנצן האַרצן וועגן די פריינט הערי און דזשעני שער. אייגנטלעך זיינען זיי ניט נאָר מאַן און ווייב, נאָר אויך פאַרוואַנדטע און לאַנדסלייט. זיי האָבן זיך כמעט ווי צוזאַמען געהאָדעוועט און זיך ליב געהאַט פון קינדוויז אָן, און היינט צו טאָג, נאָך פינף און צוואַנציק יאָר פון זייער פאַרהייראַטן לעבן, זיינען זיי נאָך אַלץ אַזוי פאַרליבט, ווי זיי זיינען עס געווען פאַר זייער הייראַט. און אויך דערפאַר האָבן אַלע זיי ליב".

אַ ליבער פאַמיליע־מענטש, וואָס דער גאַנצער אַרבעטער רינג איז זיין משפחה — דאָס איז דער זיגל, וואָס איז געווען אויף הערי שער'ס פערזענלעכקייט, מיטן אויסזען פון אַן אַסקעט און מיט האַרץ און מח אין דינסט פאַר אַ גליקלעך לעבן ביי אַלע פעלקער אויף דער וועלט.

ליבע-מרים פאַרבער

# יזכור

פאַר'יתום'ט שטייען מיר, די קעפּ געבויגן,
די הערצער פול מיט צער,
ווי היימלאָזע אין מדבר —
פאַרלאָזן האָט אונדז אונדזער האַר.

געוועזן ביסטו די קרוין פון דער משפּחה,
דיין וואָרט געוועזן איז דער געבאָט.
מיר וועלן האַלטן טייער דיין ירושה,
די ליבע דיינע צו מענטש און גאָט.

מיר וועלן דערמאָנען מיט גרויסער אַכטונג
דיין האַרציק שמייכל און גוט וואָרט,
וואָס יעדן פון אונז פאַרשאַפט האָט גליק —
אייביק ליידיק בלייבט דיין אָרט...

## ווייאָלעט שער־קויפמאַן

# די טאַטער דערציילט

מען בעט מיר אָנצושרייבן דעראינערונגען פון מיין ליבן פאָטער, וואָס איך געדיינק פון מיינע קינדער־יאָרן, און ווען איך בין עלטער געוואָרן. וועל איך פּרובירן אויף וויפיל איך ווייס, און קען זיך דערמאָנען. מיין פאָטער איז געקומען אין אַמעריקע אין נאָוועמבער, 1907. ער איז דאַן געווען אַ יונגער בחור פון 17 יאָר. מיין מאַמע איז געקומען מיט עטלעכע מאָנאַטן פריער אין דעמזעלבן יאָר, און זי איז געווען 15 יאָר אַלט. זיי קומען ביידע פון איין שטעטל לונע, גראָדנער גובערניע, זיי זיינען פון איין משפחה. זיי האָבן זיך געקענט ווען זיי זיינען נאָך געווען יונגע קינדער. מיין פאָטער האָט זיך דאָ גלייך גענומען צום לערנען די ענגלישע שפּראַך, און ער האָט אויך אָנגעהויבן צו אַרבעטן. ער איז געוואָרן אַ קאָטער ביי מענער־שניידעריי, און נאַטירלעך איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יוניאָן, און אויך זייער אַקטיוו. דאָס לערנען האָט מיין פאָטער ניט אויפגעגעבן, און ער איז אין גיכן געוואָרן אַ סטודענט אין קופּער יוניאָן און געשטרעבט צו ווערן אַ סיוויל אינזשעניר. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַן אינטעליגענטער גרופּע און געוואָרן פריינט מיט דאַוויד דינענזאָן און דזשאָן דריישפּיל, באַקאַנטע נעמען אין אַרבעטער רינג.

אין יאָר 1910 איז מיין פאָטער געוואָרן אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג און אויך מיין מאַמע איז געוואָרן אַ מיטגליד. דאָ הויבט זיך ערשט אָן מיין פאָטערס אַרבעט. ער האָט באַלאַנגט אין גראָדנער בראַנטש 74, געווען דער סעקרעטאַר. און עס האָט אויך ניט לאַנג גענומען ווי ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און אויך וויים־טשערמאַן פון אַרבעטער רינג, און ער איז געוואָרן אויך אַ מיטגליד פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן.

אין 1911 האָבן מיינע עלטערן חתונה געהאַט, און אין 1913 בין איך געבאָרן געוואָרן. איצט וויל איך אויך שרייבן ווי אַזוי מיין פאָטער איז געוואָרן אַ לאָיער אנשטאט אַן אינזשעניר.

איידער מיינע עלטערן האָבן חתונה געהאַט, איז מיין פאָטער געוואָרן אויס אַרבעטער אין שאָפּ, און געוואָרן אַן אינשורענס מאַן. ער האָט געאַרבעט פאַר פּרודענשל אינשורענס קאָמפּאַני. אַ גאַנצן טאָג

פלעגט ער אַרומגיין קלאַפּן אין די טירן און זוכן אינשורענס, און אין די אָוונטן גיין צו מיטינגען. ווי מיין מאַמע האָט מיר דער־ציילט, האָט ער דאַן זייער שווער געאַרבעט.

ער פלעגט זייער זעלטן זיין אין אָוונט אין הויז. נאַטירלעך איז מיין מאַמע ניט געווען צופרידן פון אַזאַ לעבן. און זי האָט גענומען קלערן ווי אַזוי מען קען אַביסל פאַרגרינגערן די מערכה, אַז מיין פאָטער זאָל ניט דאַרפן זיין גאַנצן לעבן אַזוי שווער אַרבעטן.

און זי האָט גענומען ריידן מיט מיין פּאַפּאַ, אַז ער זאָל ווייטער שטודירן. דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער ניט געהאַט קיין צופיל חשק צו שטודירן ווייטער. עס האָט גענומען מיין מאַמען אַ לאַנגע צייט, ביז זי האָט אים איבערצייגט, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר אים און פאַר אונז אַלעמען, ער זאָל זיך לערנען אַ פּראָפעסיע.

איך בין אַלט געווען 6 מאָנאַטן ווען מיין פאָטער איז אַוועק אין „איראַן פּרעפּערעטאַרי סקול". און האָט זיך גענומען צוגרייטן אַריינ־צוגיין אין קאַלעדזש. מיינט איר דאָך אַז ער האָט אויפגעגעבן די מיטינגען? דאָס — ניט. ער איז נאָך געוואָרן מער אַקטיוו. ער און מיין מאַמע האָבן דאַן געגרינדעט דעם אַרבעטער רינג כאָר. און מיין פאָטער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון כאָר, און מיין מאַמע די ערשטע סאָפּראַנאָ, און ביי אונז אין הויז האָט מען כסדר געזונגען. מיין פאָטער האָט געשפּילט די פּיאַנאָ, מיין מאַמע האָט געזונגען און איך, נאָך אַ קליין מיידעלע, האָב שוין אויך געזונגען.

מיין פאָטער האָט זייער שווער געאַרבעט ביז וואַנען ער האָט אויסגעשטודירט פאַר לאָיער. עטלעכע יאָר האָבן זיי זיך זייער גע־פּלאָגט, און ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט דעם ציל.

ווען איך בין אַלט געוואָרן 5 יאָר האָב איך שוין געהאַט אַ קליין ברודערל פון 1 יאָר — מילטאָן. האָט מיך מיין מאַמע איין פרימאָרגן זייער שיין אָנגעטאָן, און זי האָט מיר געזאָגט, אַז היינטיקן טאָג איז ביי אונז אַ גרויסע שמחה, מיין פאָטער גייט גראַדואירן ניו יאָרק יוניווערסיטי. אונזערע אַ גוטע פריינדין, מיסעס באַק, פון ביק־מאַן עוועניו, בראָנקס, איז געגאַנגען מיט אונז.

מיר קומען צום אוניווערזיטעט, און אַז מען האָט מיך דערזען, אַ קליין מיידעלע, האָט מען מיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין אַודי־טאָריום. אָבער מיין מאַמע און מיסעס באַק האָבן זיך ניט פאַרלאָרן און מיך פאַרשטעלט, און איך בין אַריין און געזען מיין פאָטער אַריינמאַרשירן מיט אַלע סטודענטן. עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פרייד.

איך געדיינק אויך ווי דער נײשאַנאַל סאָשעל קלוב פון אַר־בעטער רינג האָט געמאַכט פאַר מיין פאָטער אַ באַנקעט לכבוד זיין גראַדואירונג פאַר לאָיער, און אַלע גוטע פריינט האָבן געהאַלטן שיינע

רעדעס וועגן מיין פאָטער. צום שלוס האָט ער גערעדט און באַדאַנקט אַלעמען און געזאָגט, אַז די אַלע לויב־געזאַנגען, וואָס מען גיט אים, קומט גאָר מיין מאַמען. ווען ניט זי, וואָלט ער נאָך איצט געווען אַן אינשורענס מאַן.

איצט וויל איך איבערגעבן ווי אַזוי מיר קומען אין לאָס אַנדזשעלעס. ווען מיין פאָטער האָט געעפנט זיין אָפיס אין ניו יאָרק, און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ פיינעם לעבן, האָט ער צוגעזאָגט מיין מאַמען און אונז, די קינדער, אַז ער וועט אונז שיקן פאַר אַ רייזע קיין לאָס אַנדזשעלעס, וואו מיין מאַמע האָט געהאַט איר פאַמיליע, אַ מוטער, אַ ברודער און אַ שוועסטער. מיין פאָטער האָט געהאַלטן וואָרט. און אין מערץ, 1920, זיינען מיר געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס. איך וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין מאַמעס ברודער. זיין נאָמען איז געווען מ. ה. לונער. ער איז געווען אַ באַגאַבטער פּאָעט און שרייבער. אין ניו יאָרק האָט ער צוזאַמען מיט אברהם רייזין אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „דאָס נייע לאַנד". אין לאָס אַנדזשעלעס איז ער געווען דער גרינדער און לערער פון דער אידישער פאָלקס שול. ער האָט אויך דאָ מיט אייניקע פון זיינע גוטע פריינט, אַרויסגעגעבן אַ אידישע וועכנטלעכע צייטונג, „לאָס אַנדזשעלעס אידישע פאָלקס צייטונג". ער איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער, פייאיקער יונגער בחור. ווען מיר זיינען אָנגעקומען איז ער שוין לײדער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. מיר האָבן פאַרלאָרן זייער אַ טייערן, יונגען מענטשן. מיין ליבע באָבע און טאַנטע לינע און אָנקל פאַרבער, האָבן אונז זייער פיין אויפגענומען. מיין מאַמע און מיר, קינדער, האָבן זיך פשוט פאַרליבט אין לאָס אַנדזשעלעס. ווען מיר זיינען אַוועקגעפאָרן פון ניו יאָרק, האָבן מיר דאָרט איבערגעלאָזט שניי און פראָסט, און דאָ איז געווען אַזוי שיין און וואַרעם.

ווען מיר זיינען געקומען צו אונזער פאַמיליע, איז מיין שפּראַך געווען אידיש. אָבער ווען מיין אָנקל, יהושע פאַרבער, פלעגט צו מיר נעמען ריידן מיט זיין פוילישער אויסשפּראַך, האָב איך אים ניט פאַרשטאַנען. פלעג איך פרעגן מיין מאַמען וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדט דער אָנקל? האָט זי געענטפערט, אַז ער איז אַ פוילישער. איין מאָל האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט דער מאַמען: האָט מיין טאַנטע לינע ניט געקענט חתונה האָבן מיט אַ איד? . . . נאָך איצט אפילו קען איך קוים פאַרשטיין מיין אָנקלס אויסשפּראַך.

עס זיינען פאַראיבער עטלעכע וואָכן פון אונזער זיין דאָ. האָט מיין פאָטער געגומען פרעגן ווען מיר קומען אַהיים. מיר האָבן מער ניט געהאַט קיין צופיל חשק צו פאָרן צוריק קיין ניו יאָרק, און מיין מאַמע און איך האָבן געשריבן צו פּאַפּאַ'ן, ער זאָל קומען אַהער צו אונז. ער האָט זיך אַביסל געלאָזט בעטן, ער האָט ניט געוואָלט

פאַרלאָזן ניו יאָרק מיטן טומל. אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען, און ער איז געקומען. לאָס אַנדזשעלעס האָט אים באַלד גוט אויפ־גענומען. ער איז דאָ גלייך געוואָרן אַקטיוו, נאָך מער ווי אין ניו יאָרק. ער איז דאָ געוואָרן דער עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון דעם אידישן סאַניטאַריום „סיטי אָוו האָפּ״, און געהאַט גרויס דערפאָלג. מיין מאַמע איז אָבער ניט געווען צופרידן פון זיין אַרבעט. ער איז געווען צופיל פאַרנומען. מען האָט אים זעלטן געזען אַן אָוונט אין הויז.

מיין מאַמע האָט גענומען ריידן, אַז ער זאָל דאָ פּראַקטיצירן לאָא. ער האָט זיך גענומען צוגרייטן צו האַלטן עקזאַמען. דאָס האָט לאַנג ניט גענומען, און מיין פאָטער האָט געעפנט אַן אָפיס.

דעם ערשטן יאָר פון מיינע עלטערנס זיין אין לאָס אַנדזשעלעס, האָבן זיי זיך גלייך גענומען צו גרינדן אַן אַרבעטער רינג שולע. און איך בין צו 7 יאָר אַוועק זיך לערנען אידיש. אונזער ערשטער לערער איז געווען דר. גורמאַן. צום 2טן יאָר האָבן מיר געקראָגן אַ נייעם לערער, איינעם פון די בעסטע, דאָס איז אונזער טייערער פריינט ברזלי. 5 יאָר בין איך געגאַנגען אין דער שולע, און עס איז געווען 5 יאָר מיט פרייד. עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען איך בין שוין אַליין געווען אַ מאַמע פון קינדער, זיינען אונזערע אַרבעטער רינג שולן געבליבן אָן אַ געזאַנגס־לערער. האָבן מיינע עלטערן ביי מיר געבעטן אַרויסצוהעלפן די שולן. און איך האָב עס מיט פאַר־געניגן געטאָן. געזונגען מיט די קינדער פאַר עטלעכע יאָר.

איך דערמאָן מיר אויך, ווען איך האָב גראַדואירט האַי־סקול, האָב איך גענומען אַ קורס צו זיין אַ סטענאָגראַפיסטקע. מיין ער־שטער דזשאַב איז געווען ביי מיין פאָטער אין אָפיס.

ווען איך האָב טאַלאַנט און צייט, זאָג איך אייך, מיינע טייערע פריינט, אַז איך וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ בוך וועגן מיין פאָטער׳ס אָפיס מיט זיין אַרבעט. פאַר זיין אייגענער קאַריערע האָט ער אַוועק־געגעבן גאָר ווייניק צייט, אָבער פאַר דעם אַרבעטער רינג, קעמפּ און דעם סאַניטאַריום, דעם אידישן קאַמיוניטי קאַנסיל, דער ביוראָ פאַר אידישער דערציאונג, האָט ער אַלעמאָל געהאַט צייט.

איצט וועגן די יוניאָנס, די קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער, אַמאַל־גאַמייטעד, סטרייקס, אינדזשאַנקשאַנס. מיין פאָטער איז געלאָפן טאָג און נאַכט אין די קאָורטס. האָט ער געוואונען איז ער געווען גליק־לעך. ער איז געווען דער ערשטער לאָיער פאַר דער אידישער בע־קערס יוניאָן. ער האָט פאַר זיי געקראָגן דעם טשאַרטער. נאָך איצט שטייט אויף מיין פאָטערס דעסק אַ שיינע מתנה פון די בעקערס פאַר זיין גוטע אַרבעט.

איך אַליין בין אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט, און איך האָב געהאָלפן מיין פאָטער מיט מיין גאַנצן האַרצן.

וועגן מיין פאָטערס אַרבעט פאַרן קעמפּ, וויל איך זאָגן, אַז ער איז געווען דער לאַיער פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער האָט געהאָלפן קויפן דעם קעמפּ, ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן. קיין סאָשל דיי־רעקטאָר האָט מען פאַרן קעמפּ דעמאָלט ניט געדאַרפט. ווען מיינע עלטערן פלעגן נאָר קומען צום קעמפּ, און דאָס איז געווען זייער אָפט, האָבן זיי אַלעמאָל אַמוזירט דעם עולם מיט געזאַנג, און איך האָב צוגעהאָלפן.

מיין פאָטער האָט זייער שיין געזונגען, און נאָך בעסער האָט ער געשפּילט די פּיאַנאָ. מיין מאַמע פלעגט זינגען אי סאָלאָס, אי צוזאַמען מיטן עולם. און ווען מיין פאָטער פלעגט אימיצן דערזען וואָס קאָן עפּעס צוטראָגן מיט פאַרלעזן אָדער זינגען, פלעגט ער אים אָדער זי גלייך רופן. און קיינער האָט זיך ניט אנטזאָגט. מיין מאַמע האָט געזען אַז אויפן קעמפּ דאַרף מען האָבן אַ האָספּיטאַל פאַר קינדער, האָט זי גענומען ריידן מיט מיין פאָטער וועגן דעם. און עס האָט לאַנג ניט גענומען, און זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. מיט דער מיטהילף פון זייערע גוטע פריינט, פּנחס קאַרל, בען סאָלניט, ראָזענקראַנץ, איז געוואָרן אַ שיינער, נייער האָספּי־טאַל. אַז איך קום איצט צום קעמפּ, איז מיר זייער אומעטיק. עס הערט זיך מער ניט די טענער פון דער פּיאַנאָ מיטן שיינעם אידישן ניגון.

מיט אַ יאָר 25 צוריק, האָבן מיינע עלטערן אויסגעבויט אַ נייע, גרויסע הויז, ניט ווייט פון האָליוואוד, אויף אַ באַרג. ווען אי־מיצער איז געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס, ספּעציעל אונזערע גוטע פריינט פון ניו יאָרק, ווי ב. וולאַדעק, באַסקין, גוסקין, ראַגאָף מיט זיין פרוי, העלד מיט זיין פרוי, כאַנין, געבינער, פּאַט, זיינען אַלע געווען אונזערע געסט. מיינע עלטערן פלעגן אויך האָבן אין הויז פאַרשידענע מיטינגען פאַר די שולן, פאַרן קעמפּ, פאַרן כאָר. אונזער הויז האָט געברויזט מיט טעטיקייט.

אַזוי ביז מיט 5 יאָר צוריק, ווען אַ גרויסער פּלוצלינגער אומ־גליק איז געקומען אויף אונזער פאַמיליע. מיין טייערער, געראָ־טענער, שיינער ברודער איז פון אונז אַוועקגעריסן געוואָרן.

ער איז געווען אַזוי יונג, פול מיט ענערגיע, געגאַנגען מיט מיין פאָטער צו אַלע פאַרזאַמלונגען. ער איז אויך געגאַנגען אין דער אַרבעטער רינג שולע. ער איז אַ פּאָר יאָר געגאַנגען אין בוירקלי אוניווערזיטעט, און האָט געהאָלפן גרינדן „דזשוניאָר סוירקלס" פאַרן אַרבעטער רינג. ער איז אויך געווען מוזיקאַליש, געזונגען, געשפּילט פּיאַנאָ און טראָמפּייט, און געשריבן לידער און די מוזיק. ער האָט איבערגעלאָזט אַ קליין מיידעלע. איצט איז זי 7 יאָר אַלט. אַ שיינע,

אַ גערּאָטענע, אַ קלוגע קינד. זי צייכנט זיך אויס אין מוזיק, אין שפּילן די פּיאַנאָ און אין זינגען. מיין מאַמע האָט איר איצט געגעבן אַ מתנה די פּיאַנאָ, וואָס מיין פאָטער האָט אויף איר געשפּילט, און אויך איר פאָטער האָט געשפּילט. מיר האַלטן זיך זייער נאָענט מיט איר מאַמען, און זיי קומען זייער אָפט צו אונז. דאָס קינד איז אַ טרייסט פאַר אונז. זי איז אינגאַנצן געראָטן אין פאָטער.

נאָך אונזער אומגליק, איז אונזער שטוב שטיל געבליבן. מיינע עלטערן זיינען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. מיין פאָטער האָט אָבער זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און עס האָט אויסגעזען פאַר אַ שטיקל צייט, אַז מיינע עלטערן קומען צוריק צום לעבן. אָבער לײדער האָט עס לאַנג ניט געדויערט, און דער ברוויזנדער, ענערגישער, נוצלעכער לעבן פון מיין פאָטער האָט זיך אויך געענדיקט. מיין טייערע מאַמע שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות אָנצוהאַלטן זיך אין לעבן. זי גייט צו פאַרזאַמלונגען, אַרבעט פאַר די שולן, אָבער עס איז ניט דיזעלבע מאַמע. איר האַרץ איז צעבראָכן.

דאָס איז די ענדע פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט נאָך געקענט טאָן אַ סך גוטע אַרבעט פאַרן אַרבעטער רינג און אַנדערע גוטע אינסטיטוציעס.

L. Kaufman

# א געפיל פון אן איידעם

געשריבן אויף ענגליש, בלייבט עס אזוי.
ס'איז דאָס אידישע היים־לעבן היינט־
צו־טאָג: צוויי־שפּראַכיקייט.

It is greatly to the credit of people and friends that they should take pains to erect monuments and set up tablets to commemorate the names of men and women who have exhibited rare qualities of virtue or performed deeds of unusual greatness in helping mankind. In this book, you who have helped to assemble the memoirs of Harry Sherr are to be commended.

Attribute the activities and the achievements of Harry Sherr to whatever motives you may; believe and talk of it as you may; as for me, I shall always regret with all my heart that I did not learn to know or understand Harry Sherr better.

He contributed most generously and uncomplainingly to the help of others; yet, I maintain that whatever the measure of material assistance he may have afforded, that could be considered in monetary values, is not to be mentioned in comparison with the contributions that were made with heart and soul and tender sympathies. The record of his achievements is known well, and there is nothing I could add that would increase his glory. I could enumerate many of his contributions, but these would only be a repetition of the thoughts and feelings of so many others who in their time had contact with him. As much time as he had given to the work of helping those who needed help, he still found time to keep close the bonds of his family. I as a son-in-law was never given to feel remote, but rather as a son, and I too thought of him as

my father, for in him I could always find the right word of encouragement.

Again I wish to thank you who have the desire to commemorate Harry Sherr, his thoughts and ideals. After all, the real purpose of a memorial is that we who live may keep before us the sacrifice that others have made and be inspired to emulate their example.

*Lew Kaufman.*

שערע קויפמאַן

# בענקשאַפט נאָכן זיידן

דאָס אייניקל איז ביי 11 יאָר אַלט, און
לערנט אין דער אידישער שולע.

דערלויבט מיר אויך וואָס צו דערציילן וועגן מיין טייערן גרענדפּאַ. דאָס איז געווען ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין מיידעלע.

מיינע עלטערן און מיין ברודער פלעגן אַלע פרייטיק אָוונט קומען צו גרענדפּאַ און גרענדמאַ פאַר סאַפּער. מיין מאַמעס ברודער, מילטי און דאָראָטי, מיט זייער קליין מיידעלע וויקי, פלעגן אויך זיין. גרענדפּאַ פלעגט קומען פון אָפיס און מיט אַ ליכטיקן שמייכל אויף זיין פּנים פלעגט ער אונז זאָגן „גוט שבת״. מיר פלעגן דאַן אַלע גיין צום טיש. גרענדמאַ פלעגט אונז דאַן געבן אַ גוטן סאַפּער. איך געדענק נאָך גוט דעם געשמאַקן מערן־צימעס. אוןביים טיש פלעגט מען אַ סך ריידן. גרענדפּאַ פלעגט זאָגן חכמות, און אַלע פלעגן לאַכן. אַ סך מאָל פלעגט גרענדפּאַ פאַרלעזן זאַכן, אויך וואָס ער האָט אַליין אָנגעשריבן, און אַלע האָבן געהאַט פאַרגעניגן. נאָכן עסן, פלעגן מיר אַלע אַריינגיין אין ליווינג רום, און גרענדפּאַ פלעגט שפּילן די פּיאַנאָ, און מיר פלעגן אַלע זינגען און זיין פריילעך. אַרום 8 אַזייגער פלעגן גרענדפּאַ און גרענדמאַ גיין צו אַ מיטינג. איך געדענק אויך ווען גרענדפּאַ פלעגט קומען צו אונז אין הויז, פלעגט ער מיר און מיין ברודער אַלעמאָל ברענגען אַ מתנה׳לע און דערציילן שיינע מעשה׳לעך. איך בענק נאָך די שיינע גוטע פרייטאָג־נאַכטסן, און איך בענק נאָך מיין טייערן, גוטן גרענדפּאַ. עס איז אומעטיק אָן אים.

מילטאָן שער

# אַ געשיכטע מיט אַן עפּל

געשריבן פון שער'ס זון,
אַ חדר־אינגל אין 9טן יאָר.

דאָס איז געווען שבת נאָכמיטאָג. מיר זיינען אַרויס פון קלאַס און געוואַרט אויף מיין פאָטער. ער האָט געזאָלט מיך און מיין קוזין נעמען אַהיים אין זיין אויטאָמאָביל. מיר האָבן געוואַרט אַ שעה, צוויי, אָבער ער איז ניט געקומען. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר־וואָס מיין פאָטער איז ניט געקומען נאָך אונז. איך האָב זיך זייער באַאומרואיקט צוליב דעם, אָבער לענגער וואַרטן האָבן מיר ניט געקענט.

מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין אַהיים. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן קיין געלט ניט געהאַט, זיינען מיר געצוואונגען צו גיין צופוס. דאָס איז, וואָס אמת, געווען גאָר ניט אַזוי גרינג, ווייל מיר וואוינען זייער ווייט פון דער שול, וואו איך לערן. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אָפּגייענדיק אַ שטיקל צייט זיינען מיר געוואָרן שטאַרק מיד. אויך האָבן מיר דערפילט, אַז מיר ווערן הונגעריק. מיר האָבן ווייטער געשלעפּט אונזערע מידע פיס, אָבער צו אונזער היים איז געווען נאָך זייער ווייט.

— איך בלייב דאָ, ווייטער קאָן איך ניט גיין — האָט געזאָגט מיין קוזין, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן אַ שפּייז־קראָם.

— ווען איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך אַריינגעגאַנגען אין קראָם עפּעס קויפן צום עסן — האָב איך געזאָגט.

מיר האָבן זיך געמוזט הונגעריקע ווייטער שלעפּן אין וועג אַריין.

אַ פּעדלער מיט עפּל איז פאַרבייגעפאָרן.

— ווען איך וואָלט איצט געהאַט אַן עפּל, וואָלט איך זיך גאָר מחיה געווען — האָב איך געזאָגט.

— איצט, אַז מיין מאַמע וועט מיר געבן אַן עפּל, וועל איך זיך לאַנג נישט לאָזן בעטן און גלייך אויפעסן — האָב איך געזאָגט.

צו אונזער גליק איז אַ קעסטל אַראָפּגעפֿאַלן פֿון וואָגן, און מיר האָבן זיך געלאָזט אויפֿקלייבן די פֿרוכט. דער פֿעדלער איז אונז געווען זייער דאַנקבאַר און אונז דערפֿאַר געגעבן אַן עפּל. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיטן עפּל, וואָס דער פֿעדלער האָט אונז געשאָנקען. אוי, איז דאָס געווען אַן עפּל! דעם טעם פֿון דעם עפּל קאָן איך נישט איבערגעבן מיט פּשוטע ווערטער. דאָס איז געווען דער בעסטער און זיסטער עפּל, וואָס איך האָב ווען עס איז געגעסן. מיר האָבן זיך אָנגענומען מיט פֿרישע כּוחות און מיט נייעם מוט זיך געלאָזט אַהיים.

# שלאָף רואיק, ליבער מילטאָן

און אין זיינע בליענדע יאָרן איז מילטאָן
שער געשטאָרבן, און די טאַנטע, לינא
פאַרבער, האָט געשריבן אין אָפּשייד:

שלאָף רואיק, ליבער מילטאָן —
דיין ליכטיק קול
קלינגט מיר כסדר —
„העלאָו לינאַ".

וואו איך גיי, וואו איך שטיי,
באַגלייט דיין שטים מיך,
און איך הער —
„העלאָו".

איך וויל טראַכטן,
אַז דו, מיין מילטאָן,
וועסט באַלד קומען.
מיט׳ן ליכטיק שמייכל דיינעם
וועסטו שטיין אין טיר —
„העלאָו".

טאָג־נאָך־טאָג איך הער עס
אין דעם גרויסן פּיין;
איך הער די טריט —
אָט קומסטו,
מיט אונז צוזאַמען זיין . . .

# פאַמיליע
# בילדער

**הערי און דזשעני שער**

צו ה. שערס 50־טן געבורטסטאָג

(1939)



**הערי שער**

צו זיין גראַדואירונג אַלס לאָיער

(1918)

**הערי און דזשעני שער און זייערע קינדער,**
**ווייאָלעט און מילטאָן (1919)**

**ה. שערס טאָכטער מיט איר פאַמיליע:**
דער איידים, לו קאפמאַן; די טאָכטער, ווייאלעט;
און זייערע קינדער, שערי און האַרווי.

**ווּיקי**

טאָכטער פון מילטאָן שער



**מילטאָן**

דער זון פון הערי און דזשעני שער

(1916—1948)

# מענטש און געזעץ

## פון הערי שערס טאָג־בוך אַלס אַדוואָקאַט

די אויפגעזאַמלטע לעבנס־סקיצן האָט דער פאַרפאַסער פאַרצייכנט אין די געריכטן. ער האָט זיי אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס“ אונטערן פסעוודאָנים „אַ לאָיער“. די אַמעריקאַניזמען אין דעם לשון זיינען ניט געענדערט געוואָרן, אום עס זאָל פאַרבלייבן דאָס בילדלעכקייט פון דער פּראָפּעסיע.

# קינד קעגן פאָטער

דער גט־פּראָצעס פון מר. און מרס. קאָזבי האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס אין פאַרשידענע קרייזן פון ניו יאָרק. דער טרייעל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דעם „סאָסייעטי״־לעבן. ערשטנס, זיינעןביידע צדדים אין דער קייס באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן. און, צווייטנס, האָט דער טרייעל געהאַט פילע איינדרוקספולע מאָמענטן.

די פאַמיליע קאָזבי איז, פאַרשטייט איר מיך, ניט אַבי־ווער. די פרוי, מרס. קאָזבי, קומט פון אַריסטאָקראַטישע עלטערן. איר משפּחה באַשטייט פון אָנגעזעענע מענטשן, וואָס שפּילן אַ באַדייטנדע ראָלע. און דער מאַן איז אויך ניט פון די, וואָס מען קויפט צוויי פאַר אַ גראָשן. ער איז אַ מיליטערישער באַאַמטער און האָט דעם טיטול קאַפּיטאַן. אין געריכט האָבן אים אַלע גערופן קאַפּיטאַן און געהאַט רעספּעקט פאַר אים. ער איז אויך אַ הויכער באַאַמטער אין דער ניישאָנאַל סעקיוריטי ליג. דאָס איז די מעכטיקסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט זיך דעם קרעדיט פאַר אונדזער אַריינטריט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. די קאָזביס האָבן אַ היפּשן יחוס־צעטל.

די עלדן פון לעבעדיקן ראָמאַן זיינען אַלט אַ יאָר 35—40 און זיינען שוין פאַרהייראַט עטלעכע יאָר. זיי האָבן אַ פּאָר וואוילע קינדער אויך. זייער פאַמיליען־לעבן איז אָבער אַ צעשטערטער פון אַ לענגערער צייט. שוין אַ היפּשע ווײַלע ווי זיי וואוינען אפילו ניט צוזאַמען. און יעצט האָט עס די פרוי געקלאָגט דעם מאַן, צו ווערן געשיידט געזעצלעך.

די צרות האָבן זיך ביי זיי אָנגעפאַנגען, ווען די פרוי האָט אַמאָל, צופעליקערווייזע, געפונען ביי איר מאַן, בריוו פון אַ מיידל. ס׳האָט זיך גלייך אָנגעפאַנגען אַ סדרה קריגערייען און, נאַטירלעך, האָט מרס. קאָזבי גענומען זוכן און פאָרשן ביז זי איז דערגאַנגען, אַז איר מאַן איז ניט טריי צו איר — ער האָט אַ געליבטע אין קאַליפאָרניע. אָט דאָס, אין קורצן, זיינען די הויפּט טענות פון דער קלעגערין.

און ניט נאָר, זאָגט זי, איז ער צו איר אַליין געוואָרן פרעמד און קאַלט, נאָר ער האָט אויך פאַרנאַכלעסיקט די קינדער און איז אין אַלגעמיין אַרונטער פון דרך הישר. ווערנד פאַר זיך אַליין האָט ער

גאָר ניט געקאַרגט און האָט געהאַט פון דאָס בעסטע און שענסטע, האָט ער איר און די קינדער געוואָלט אויסהונגערן.

דאָס האָט אָבער מר. קאָזבי שטאַרק באַשטריטן. וואָס אַנבאַלאַנגט די קינדער, האָט ער זיי ליב ווי דעם לעבן. און דאָס איז ניט בלויז גערעדט. ער האָט פאַקטן דאָס צו איבערצייגן. ווען די קינדער זיינען געווען קראַנק און האָבן זיך געניטיקט אין בלוט, האָט ער ניט גע־קלערט פיל און געלאָזט אַרויסצאַפּן פון זיך אַ סך בלוט אַריינצוגיסן עס אין די קינדער. די פרוי האָט עס אויך געמוזט מודה זיין, כאָטש זי האָט געזוכט דאָס אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. דאָס האָט אָבער יעדנפאַלס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלעמען אין קאָורט.

מר. קאָזבי האָט איבערהויפּט אָפּגעלייקנט אַלץ וואָס זיין פרוי האָט דערציילט. ער האָט געמאַכט אַ בעסערן איינדרוק פון איר. זי זעט אויס צו זיין אַביסל נערוועז און האָט וויניק גערודלד. ער איז אָבער רואיק און געלאַסן און אויך באַשיידן. זיין האַלטונג האָט אַרויסגע־רופן סימפּאַטיע פון דעם עולם אין קאָורט.

די קייס האָט געהאַט פיל דראַמאַטישעס. עס זיינען אויך געווען געגוג עכט טראַגישע אינצידענטן. אָט, צום ביישפּיל, קומען אַריין די קינדער אין קאָורט. זיי זעצן זיך נעבן דער מוטער. דער פאָטער קוקט אויף זיי און קען ניט באַהאַלטן זיין צערטלעכקייט, זיין ליבע צו זיי. די קינדער וואַרפן אויך פון צייט צו צייט וואַרימע בליקן צו אים. זיי טוען עס בגנבה. זינט דער טראָבל גייט פאָר אין דער פאַ־מיליע, זיינען די קינדער ביי דער מאַמען און זעען זייער זעלטן דעם פאָטער. קענטיק, אַז די מוטער האָט זיי זייער שטאַרק באַאיינפלוסט קעגן פאָטער. אָבער דאָך זיינען זיי זיינע קינדער און האָבן דעם טאַטן ניט פיינט. אָט ווערט די עלטערע קינד, א מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף, גערופן צום וויטנעס סטענד אַלס אַן עדות קעגן פאָטער. מר. קאָזבי האָט פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ, פונקט ווי אַ קויל וואָלט אים געטראָפן. ער באַגרייפט פלוצלונג, אַז זיינע קינדער זיינען אים גע־וואָרן אָפענע שונאים.

דאָס איז געווען אַ האַרצרייסנד בילד. אַלע אנוועזנדע אין קאָורט האָבן שווער געזיפצט.

# דער גוי׳אישער ריכטער

**װעגן װעמען שמועסט מען? װעגן אחינו בני ישראל, װי דען?**

די נײַטן װלאַדיניגער לאַדזש נומער 276 פון אינדעפּענדענט אָר־דער װעסטערן סטאַר האָט זיך פאַרגלוסט צו װערן לאַדזש נומער 336 פון אָרדער ברית שלום, ניט מער און ניט װײניקער.

די לאַדזש האָט זיך געלעבט אין פרידן, װי אַלע אַנדערע אי־דישע לאַדזשן. דאָן איז אַראָפּגעקומען אײנער פון די הױפּט־גענערעלע, אַ באַאַמטער פון דער גרענד לאַדזש, און ער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט די גנעדיקע אונטערטאַנען, די פירער פון דער װלאַדיניגער לאַדזש נומער 276. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען מחלוקות מיט געפילדער, װי די מאָדע איז צװישן דזשענעראַל אָפּיס און לאַדזש, ביז חברה איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן אינגאַנצן אָפּצושפּאַלטן זיך פון דעם אינדע־פּענדענט װעסטערן סטאַר און טאָן אַ שידוך מיטן ברית שלום. װאָס איז זײ דער אונטערשייד? אַן אָרדן איז אַן אָרדן, און פאַרטיק.

דער ברודער פּרעזידענט מיט די באַאַמטע האָבן גערופן אַ ספּעשל מיטינג דעם 4טן נאָװעמבער, 1918, און עס איז באַשלאָסן געװאָרן מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען צו רעבעלירן, צו דערקלערן קריג דעם אָרדן, און זײ האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אָרדן ברית שלום. קורץ נאָכדעם זײַנען זײ פון דעם פריערדיקן אָרדן סוספּענ־דירט געװאָרן פאַר ניט צאָלן זײערע דיוס. זײ האָבן עס געצאָלט, נאַ־טירלעך, צום נײַעם אָפּיס.

װאָלט עס געװען ניט שלעכט, װען די לאַדזש האָט ניט קײן פּעטן באַנק־ביכל מיט אײגענע סעמעטערי און סתם זאַכן, װאָס שטעלן צו איבער װאָס אַרומצורײסן זיך. איז אָבער די לאַדזש יאָ געבענטשט מיט די אַלע זאַכן. נו, װאָס פרעגט איר, מען איז שױן געװען פאַרזאָרגט מיט פרײלעכקײט.

די מעמבערס, װאָס האָבן זיך געפילט געקריװדעט, האָבן זיך גלײך איבערגעבעטן מיט דעם ערשטן אָרדן און זײ האָבן געלאָזט ריאינסטײטן די לאַדזש, כאָטש בלויז אויפן פּאַפּיר, אין אָפּיס פון װעסטערן סטאַר. נאָכדעם זײַנען זײ אַװעק אין קאָורט און האָבן געפאָדערט דאָס אַלץ, װאָס די אַלטע לאַדזש האָט פאַרמאָגט, זאָל

באַלאַנגעו צו זיי, צו דער מינאָריטעט, און ניט צו דער נייער לאַדזש פון ברית שלום.

די קייס איז פאָרגעקומען אין סופרים קאָורט און אַ גוי׳אישער דזשאַדזש האָט זיך געדאַרפט מוטשען צו פאַרשטיין אידישע געשעפטן. ער האָט געפּסק׳ענט, דאָס די מינאָריטעט אומצופרידענע זיינען גערעכט און דאָס גאַנצע אייגנטום פון דער לאַדזש געהערט צו זיי. קיין מאַיאָריטעט — האָט דער דזשאַדזש געזאָגט — האָט קיין רעכט ניט צו צווינגען אַ מינאָריטעט אָפּצורייסן זיך פון אַן אינשורענס אָרדן, און אַריבערגיין צו אַ נייעם אָרדן. זיי קענען גרינדן אַ נייע לאַדזש, אויב זיי ווילן, אָבער וואָס זיי האָבן פריער פאַרמאָגט, קענען זיי מיט זיך ניט נעמען, אויב אימיצער פּראָטעסטירט.

# פּריוואַט-אייגנטום

אַ שטייגער דער מילכמאַן לאָזט אייך אַ באָטל מילך, און נאָכ־דעם ווי עס איז פאַרנוצט געוואָרן, ווילט איר מיטנעמען אַ טרונק וואַסער אין באטל און גיין אין פאַרק, אָדער איר גיסט עס אָן מיט אַנדערע מילך און איר לאָזט עס שטיין אום עס זאָל ווערן זויער־מילך אויף אַ פּאָר טעג — אויב איר טוט עס אָן דער דערלויבעניש פון דער קאָמפּאַני, איז עס קרימינאַל, און פאַר אַזאַ „פאַרברעכן" וועט איר באַשטראָפט ווערן. דאָס איז לויט דער אַנטשיידונג פון מיוניסיפּאַל קאָורט און איז גוטגעהייסן געוואָרן פון אַ העכערן קאָורט. די גע־שיכטע דערפון איז אַ גאַנץ אייַנפאַכע.

די באָרדן מילך קאָמפּאַני האָט אָנגעקלאָגט אַ געוויסן ראָזען, און נאָך איינעם, קאָלאָטקין, פאַר נוצן די באָרדן מילך־קענס. ראָזען האָט געקראָגן דעליווערט מילך און קרים אין קענס. ער האָט גראד אַזוי פיל ניט געדאַרפט האָבן אַ געוויסן טאָג, און קאלאטקין האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין דעם. האָט ראָזען אים פאַרקויפט אַ קען קרים. קאלאטקין האָט, נאַטירלעך, אָפּגעגעבן די קען צוריק צו דער קאָמפּאַני, ווען עס איז ליידיק געוואָרן. קיין מורא'דיקן פאַרברעכן קען מען זיכער אין דעם מסחר ניט געפינען. די קאָמפּאַני האָט דערביי גאָרניט פאַרלאָרן. פאַר איר סחורה האָט מען איר באַצאָלט און די קען האָט זי צוריקגעקראָגן.

די באָרדן קאָמפּאַני האָט אָבער אַן אַנדער יושר. זי וויל ניט ליידן אַזעלכע זאַכן. אויב קאלאטקין דאַרף האָבן מילך אָדער קרים, זאָל ער קומען צו איר, און אויב ראזען האָט גראד אין אַ טאָג צופיל, זאָל ער זיך דערמיט האַלטן. פאַרקויפן עס אָדער אַוועקלייען דער־לויבט זי ניט.

הכלל, די קאָמפּאַני האָט אויסגעפונען ערגעץ אַ געזעץ, וואָס לויטעט, דאָס פאַר נוצן מילך־באָטלס אָדער קענס פאַר פּריוואַטן גע־ברויך, קען מען באַשטראָפט ווערן מיט 50 דאלאר פאַר יעדע באטל אָדער קען. גאָר ניט קיין שלעכטע ביזנעס, בנאמנות. מיט אַזאַ געזעץ

אין האַנט האָט עס די קאָמפּאַני פאַרקלאָגט ראָזענען און קאַלאַט־קינען, און דער קאָורט האָט זיי געפונען שולדיק.

די מילך קאָמפּאַני זאָגט, אַז זי טוט עס פאַר די אינטערעסן פון פאָלק . . . זי שטעלט אָן דערביי אַ רחמנות־פּנים — גאָט די נשמה שולדיק. און אַז מען קען נאָך אַרויסרייסן דערביי אַ פּופּציקער פון אַ גראָסערי־מאַן, איז אוודאי גוט.

אַז מען שמועסט פון די גרויסע פּראָפיטן וואָס גראָסערי־לייט מאַכן, איז דאָך ניט שייך . . .

# דער מאַן „מעג זיין" אַ גנב

מעג אַ פרוי חרטה האָבן אויף איר הייראַט, ווען זי דערוויסט זיך אַז איר מאַן איז אַ געוועזענער פאַרברעכער? — אָט דיזע האַרבע קשיא איז פאַרענטפערט געוואָרן אין סופרים קאָורט, אין ברוקלין, און דער ענטפער איז געווען „ניין". חרטה איז ניט מעשה סוחר און אויך אַ פרוי מוז עס וויסן און נאָכקומען.

דאָס איז געווען אין דער קייס פון מר. און מרס. שניידער פון ברוקלין.

דאָס פּאָרל האָט געהייראַט אין 1913, דאָס הייסט, מיט 6 יאָר איידער עס איז געקומען צו דער קלאָגע. פאַר דער חתונה זיינען חתן־כלה אַרומגעגאַנגען אַ געוויסע צייט, ווי די מאָדע איז. דער מיידל איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו פרעגן איר געליבטן אויב ער האָט אַ גוטן כאַראַקטער, אויב ער פירט זיך אויף אנשטענדיק און לייטיש. איר האָט ער באַהאַנדלט גוט; געגעבן איר אַ גוד טיים — וואָס נאָך, אַלזאָ, קען זי פון אים פאַרלאַנגען?

דער מיידלס מוטער האָט אפילו יאָ עפּעס וועגן דעם זיך פאַר־אינטערעסירט. אַלס אַ מאַמע האָט זי נאַטירלעך געוואָלט וויסן גענוי ווער איר טאָכטערס באַשערטער איז. פלעגט זי שטילערהייט, אָן דער מיידלס וויסן, זיך נאָכפרעגן אויפן באַי אין דער נאָכבאַרשאַפט וואו ער האָט געוואוינט. זי האָט געפרעגט שכנים. אָבער עס איז דאָך ניו יאָרק, די קעסל־גרוב פון דער וועלט, מענטשן קענען וואוינען אויף איין פלאָר אין אַ טענעמענט־הויז יאָרן און יאָרן און דאָך זיך ניט קענען. די מוטער האָט ניט געקענט קריגן קיין גענויע אויסקינפטע, איז עס דערביי געבליבן.

דער באַי אַליין פלעגט זיך שטענדיק באַרימען פאַר דער מיידל דאָס ער מאַכט אַ סך געלט. ער האָט געהאַט אַ גוטע שטעלע און אַ ביזנעס און האָט געקראָגן גוטע ווידזשעס. דערצו האָט ער נאָך געהאַט דערוואַרטונגען צו שטייגן אין די ביזנעס פיל העכער. אַזוי האָט ער שטענדיק גערעדט מיט זיין כלה און זי האָט זיך געשמאַלצן

פון נחת הערנדיק דאָס, און האָט געהאַפּט אויף זייער גליקלעכער צוקונפט.

נאָך דער חתונה האָט זיך די יונגע מרס. שניידער אַרומגעזען, דאָס איר דערוואַרטעטער גליק איז ביסלעכווייז צערונען געוואָרן. פון איר מאַנס ביזנעס־האַפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. און כאָטש ער האָט אין הויז אַרייַנגעבראַכט פיל געלט אויף אַ לעבן צו מאַכן, האָט ער זיך אָבער אויפגעפירט ווייט ניט ווי אַ ביזנעסמאַן. עפּעס איז ער שטענדיק געווען פול מיט געהיימניסע. עס פלעגט אַריבערגיין אַ היפּשע צייט און ער פלעגט אין הויז גאָר ניט קומען. אויף תירוצים איז ער אַלע מאָל געווען זייער פּיאַיק. וואָס ווייטער איז ער אַלץ מער פאַרדעכטיק געוואָרן ביז די מרס. שניידער האָט זיך איבערצייגט, דאָס מיט איר מאַן איז עפּעס ניט גלאַט. זי האָט באַשלאָסן צו האָבן אַן אויג אויף אים.

אַז מען זוכט געפינט מען, זאָגט אַ גלייכווערטל. אַז די מרס. שניידער האָט געגומען גוט אַרומקוקן זיך, איז זי דערגאַנגען, דאָס איר מאַן איז אַ גאַנצער יחסן אין דער פּריזאָן־וועלט. ער געהערט צו דער „אונטערוועלט" און האָט אַ וואָזשנעם קרימינעלן רעקאָרד. שוין אין 1910, נאָך מיט 3 יאָר פריער, איידער זיי האָבן חתונה געהאַט, איז ער פאַראורטיילט געוואָרן פאַר גנבה. אויך נאָך זייער חתונה פלעגט ער זיך „פאַרטשעפּען" זייער אָפט מיט קאָורטס, פּריזאָנס און ענלעכע בכבוד'יקע זאַכן. דאָ איז ער אינדייטעד געוואָרן; דאָ אַרעסטירט געוואָרן; און אין קאָונטי האָט מען גענומען זיינע פינגער־פּרינטס; אין די פּאָליס העדקוואָרטערס איז זיין בילד אַרייַנגעשטעלט געוואָרן אין דער גאַלערי פון „גרויסע מענטשן", און ער האָט גאָר פאַרבלאָנדזשעט אין דזשייל אין וועסטשעסטער.

מיט אַזאַ צעטל פון שיינע מעשים איז די צעבראָכענע מרס. שניידער געקומען אין קאָורט און פאַרלאַנגט אַ גט אויף דעם גרונד פון שווינדל. עס הייסט, זי באַהויפּטעט, דאָס איר מאַן האָט חתונה געהאַט מיט איר דורך פאַלשקייט, ניט אויסזאָגנדיק איר וועגן זיין כאַראַקטער. ווען זי וואָלט עס געוואוסט, וואָלט זי זיכער מיט אים קיין מגע ומשא ניט געהאַט. דער קאָורט דאַרף דעם קאָנטראַקט פון חתונה אינגאַנצן מבטל זיין און זי זאָל ווערן „אויס כלה און ווידער מויד".

צו דער אַנטוישונג פון דער קלעגערין האָט דער קאָורט איר קלאַגע פאַרוואָרפן. לויט דער מיינונג פון דזשאַדזש איז זי ניט באַשווינדלט געוואָרן. ווען זי זאָל געווען האָבן געפרעגט אים דירעקט אויב ער איז דורכאויס כשר און ער וואָלט איר אַלץ פאַרלייקנט, וואָלט עס געווען שווינדל. אַזוי ווי אָבער זי האָט אים קיינמאָל אַזוינס

ניט געפרעגט און ער איז געווען שטיל ווי אַ טויב וועגן דעם פונקט, קען עס ניט אָנגערופן ווערן אַלס אַ שווינדל וואָס זאָל זיין געניגנד פאַר דער קיס. חתונה קאָנטראַקטן זיינען צו הייליג, מען זאָל עס קענען לייכט ברעכן. איבעריקנס, איז עס גאָר ניט אַזוי אַי־אַי־אַי. יע, ער איז געווען אַרעסטירט און איז געזעסן אין פּריזאָן. נו, איז וואָס? קען ער דען קיין גוטער מאַן ניט זיין צו דער פרוי?

אַט אַזעלכע אַרגומענטן זיינען דער פרוי געגעבן געוואָרן און זי איז אַוועק פון קאָורט מיט אַ צעווייטאָקט האַרץ.

# ירושה

אַן אינטערעסאַנטע קייס איז פאַרגעקומען אין סוראָגייט קאָורט פון די בראָנקס. די קייס איז פול מיט סודות. נאָר וועגן די סודות האָט זיך עס דירעקט ניט געהאַנדלט. עס האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן דעם ווער עס איז באַרעכטיקט צו דער ירושה פון אַ פאַר־שטאָרבענער פרוי. איר פאַמיליע האָט גע׳טענה׳ט דאָס עס געהערט צו זיי און דער מאַן, דער אלמן, האָט געקליימט, דאָס עס איז זיינס. ווי איר זעט זיינען עס פּראָסטע געלט־פראַגן.

אין קורצן איז די קייס אַזוי: מרס. אננא אדלער, אַ יונגע אי־דישע פרוי פון ניו יאָרקער בראָנקס, איז געשטאָרבן אין יאָר 1918. די אדלערס האָבן געהייראַט אין 1911, דאָס הייסט, זיי זיינען געווען 7 יאָר פאַרהייראַט. מרס. אדלער, די פארשטאָרבענע, איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע. זי האָט געהאַט געלט אין אַ פּאָר בענקס, אַ לייף אינשורענס פּאָליסי און אַ היפּש ביסל ווערט־פולע דזשולערי, און איבער דעם האָט מען זיך אַרומגעריסן.

מר. און מרס. אדלער זיינען געווען טעאַטער מענטשן. זיי האָבן געמאַכט אַ לעבן פון דער בינע, ניט די אידישע בינע, נאָר פון דער אַמעריקאַנער רעדט זיך דאָ. זייער פאַמיליען־לעבן איז געווען וויט ניט קיין געהויבענער. ביי זיי איז שטענדיק געגאַנגען אַלץ אויף רעדלעך. אָט פלעגן זיי זיך צעגיין און אָט קומען זיי זיך ווידער צוזאַמען. משמעות זיי האָבן זיך געפירט פּריוואַט ווי עס קומט פאַר אויף דער בינע. יעדע זאַך אויפן דראַמאַטישן אופן. אויך אין די קאָורטס זיינען זיי ניט פרעמד געווען . . .

עטלעכע חדשים פאַר מרס. אדלערס טויט זיינען זיי געזעצלעך גע׳גט געוואָרן פון סופרים קאָורט. אָבער קורץ נאָכדעם, האָבן זיי איבער־אַ־נייס געהייראַט.

קיין האָניק־זיסן לעבן האָבן זיי אָבער ניט געהאַט אפילו נאָך זייער צווייטער התונה. מרס. אדלער האָט פּלוצלונג גענומען ריידן וועגן טויט. זי האָט געזאָגט פאַר באַקאַנטע דאָס זי דערוואַרטעט ניט צו לעבן נאָך פיל . . . די געלט אין די באַנק, די אינשורענס און

איר דזשולערי, האָט זי געזאָגט, זאָל זיין פאַר איר מוטער און ברו־דער און ניט פאַר איר מאַן. קיין צוואה האָט זי ניט געמאַכט. זי האָט בלויז געגעבן דעם שליסל פון דעסק וואו עס איז געלעגן די דזשו־לערי אירע צו איר מוטער. קיינער האָט אָבער ניט גענומען אירע רייד זייער ערנסט.

זעקס וואָכן נאָך דער צווייטער חתונה, האָט זי איינגענומען גיפט און אין עטלעכע טעג אַרום איז זי געשטאָרבן. עס איז ניט פעסט־געשטעלט געוואָרן אויב זי איז אַבזיכטלעך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אָדער ניט. מען האָט עס ניט געקענט דערקלערן גענוי און עס איז פאַרבליבן אַ סוד.

נאָך איר טויט איז אַנטשטאַנען די פראַגע צו וועמען איר פאַר־מעגן געהערט. ביידע, דער מאַן אירער און איר פאַמיליע, האָבן עס געקליימט.

לעצטע וואָך האָט אַ ריכטער אַנטשידן דאָס עס געהערט צו איר פאַמיליע און ניט צום מאַן. דורך דעם וואָס זי האָט איבערגע־געבן דעם שליסל פון דעסק צו איר מוטער, האָט זי פראַקטיש אַריינ־געגעבן עס אין דער מוטערס קאָנטראָל און אַלץ וואָס אינעווייניק איז געלעגן איז דערמיט געגעבן געוואָרן דער מוטער. און אַזוי ווי דאָס איז געווען איר פערזענלעך אייגנטום, האָט זי געהאַט אַ פולע רעכט צו געבן עס וועמען זי וויל, דער מאַן קען עס ניט קליימען.

# פאַטריאָטיזם

מר. אייבערהעם באומאן איז אַ קלאָדינג מאַנופעקטשורער אין ניו יאָרק. ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן מאַסן קאָנטראַקטן צו פאַרשיי־דענע ביזנעס־לייט, האָט מר. באומאן אויך געוואָלט האָבן אַ טייל דערפון. און וואָס איז נאָך אַלעמען די עוולה? מלחמה איז טאַקע מלחמה; אָבער אַז מען קען דערביי אָפּלעקן אַ ביינדל איז אוודאי גוט. איז אָבער מר. באומאן ניט זייער באַהאַוונט אין דער פּאָליטישער וועלט און ווייסט ניט גענוי ווי מען קומט צו נאָך ביזנעס צו דער רעגירונג. דערפאַר אָבער האָט ער אַ קאָזין, מר. אַלבערט בעק, וואָס ווייס גראַדע יאָ וואו אַנצוקלאַפּן אין אַ טיר . . .

בקיצור, מר. באומאן און מר. בעק האָבן געמאַכט אַן אַגרימענט צווישן זיך, דאָס בעק זאָל דורך פאַרשידענע מיטלען, פּאָליטישע אָדער אַנדערע, קריגן קאָנטראַקטן פאַר באומאן צו מאַכן אָווער־קאָוטס פאַר די סאָלדאַטן אין דער אַרמיי, און דערפאַר זאָל ער, בעק, קריגן קאָמישאַן פון 2 פּראָצענט פון אַלע געלדער פון אַזעלכע ביז־נעס. מר. באומאן האָט טאַקע געקראָגן אַ שיין ביסל ביזנעס דורך דעם און פּראָפיטן זיינען אויך געווען ניט צו פאַרזינדיקן.

אַז עס איז געקומען צו געבן די קאָמישאַן צו בעקן, האָט באומאן זיך איינגעאַנצן „פאַרגעסן" אין זיין אַגרימענט, און בעק איז געווען גע־צוואונגען צו גיין אין קאָורט מאַנען עס. זיי זיינען טאַקע קאָזינס, אָבער האַנדלשאַפט איז ניט ברודערשאַפט.

אין קאָורט האָט מר. באומאן אַנגעשטעלט אַ וואַזשנע מינע און האָט גע'טענה'ט דאָס ער האָט זיך גאָר ניט גענויטיקט אין בעקן צו קריגן פאַר אים די קאָנטראַקטן פון דער רעגירונג. ער וואָלט עס אַליין אויך געקענט קריגן. אגב, זאָגט ער, איז דער אַגרימענט גאָר ניט כשר. וואָס הייסט מאַכן אַן אַגרימענט צו גיין באַאיינפלוסן רעגירונגס באַאַמטע דורך ניט קיין ריינע מיטלען? דאָס איז ניט פּאַטריאָטיש און אויך ניט געזעצלעך. און בכן קען בעק, דער קלע־גער, ניט בויען אויף אַזאַ אַגרימענט. אויף צו מאַכן פּראָפיטן איז

דער אַגרימענט געווען פּאַטריאָטיש גענוג, אָבער צו באַצאָלן קאָמישאַן טויג עס שוין ניט. דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, און יושר׳דיק אויך . . .

דער קאָורט האָט אָבער גע׳פּסק׳ענט פאַר דעם קלעגער, פאַר מר. בעקן און געהייסן באומאַן׳ען באַצאָלן וואָס עס קומט פון אים. באומאַן האָט אַפּעלירט קעגן דעם. אָבער זיין אַפּיל איז פאַרוואָרפן געוואָרן פון דעם העכערן קאָורט. אויך דאָרטן איז אַנטשידן געוואָרן דאָס ער דאַרף באַצאָלן בעקן. די אויגן־גלאָצעניש און די „פּאַטרי־אָטישע״ טענות פון דעם באָס האָבן אויף די דזשאַדזשעס גאָר ניט געווירקט.

# י ו ש ר

מר. דיקסאָן איז אַ געלערנטער יונגערמאַן, וואָס גיט זיך אָפּ מיט וויסנשאַפט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער דערפונדן אַ געוויסן מיטל צו פֿאַרבעסערן די קייבל סיסטעם, דאָס הייסט די קייבלס, וואָס ליגן אין ים און פֿאַרבינדן אַמעריקע מיט אייראָפּע. לויט זיין דערפינדונג אַרבעטן די קייבלס פיל שנעלער און פּינקט־לעכער. דיקסאָן האָט אויף דעם אַ לאַנגע צייט געאַרבעט ביז ער האָט עס פֿאַרפולקאָמט.

ווען ער איז דערמיט פֿאַרטיק געוואָרן איז ער מיט דעם אַוועק צו דער טעלעגראַף קאָמפּאַני. קיין גרויסער למדן אין געזעץ איז ער ניט געווען, און ער האָט זיך דעריבער פֿאַרלאָזן אויף דער ערנ־האַפטיקייט פון דער קאָמפּאַני. ער האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט זיי לויט וועלכן ער דאַרף קריגן באַצאָלט פֿאַר דער דערפינדונג וויפיל מר. ניוטאָן קאַרלטאָן, דער פּרעזידענט פון דער טעלעגדאַף קאָמ־פּאַני, וועט באַשטימען, אַז ס׳האָט די ווערט.

הכלל, מר. דיקסאָן האָט געמאַכט זיין קאָנטראַקט מיט איבער 5 יאָר צוריק. די קאָמפּאַני באַנוצט זיין דערפינדונג די גאַנצע צייט. אָבער באַצאָלט האָט ער נאָך גאָר ניט געקראָגן פון זיי, אפילו ניט אַ סענט. ער האָט מיט זיי גע׳טענה׳ט, גערעדט — אָבער, רעד צו זיי און רעד צו דער וואַנט. איז ער אַוועק אין סופרים קאָורט פון ניו יאָרק פֿאַרלאַנגען גערעכטיקייט.

די טעלעגראַף קאָמפּאַני האָט אָבער געזאָגט, דאָס זיי באַשטייען אויף זייער קאָנטראַקט. און זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דעם פּונקט, וואָס לויטעט, דאָס זיין באַלוינונג דאַרף באַשטימט ווערן פון מר. קאַרלטאָן פריער. נו, האָט זיך נאָך דער גוטהאַרציקער פּרעזידענט ניט באַמיט צו באַשטימען די סומע, און דיקסאָן מוז, הייסט עס, וואַרטן . . . דער קאָנטראַקט איז פֿאַר דיקסאָנען ניט גינסטיק? טאָ זאָל ער ווייטער מאַכן בעסערע קאָנטראַקטן.

דער קאָורט האָט געגעבן דער קאָמפּאַני גערעכט.

## אַזאַ מאַן-און-ווייב

עס האָט זיך געהאַנדלט איינפאַך אום דעם: אויב שיקן דער פרוי אין קאָונטרי איז אַ מוז־זאַך לויט געזעץ אָדער ניט. דער קאָורט האָט געפּסק'ענט, אַז „ניין". דאָס הייסט, אויב איינער איז אַ פיינער מאַן און שיקט אַליין אַוועק די ווייב און קינדער אין דער קאָונטרי אויף וואַקיישאַן איז עס אוודאי זייער פיין פון אים. ווער רעדט נאָך, אַז דאָס וועט אים געבן אַ טשענס אָפּצורוען זיך אַביסל, בלייבנדיק אין דער היים אַליין, אָדער טאָקע גאָר אַ לעב טאָן אַ קאָפּעטשקע ווי גאָט אין אדעס, איז עס געוויס אַ ברכה, אויף אַלע אידן געזאָגט ווערן. אָבער דער געזעץ צווינגט אים ניט אַזוינס צו טאָן.

די קייס איז געווען אַזאַ: לעצטן זומער איז מרס. האָש פון ניו יאָרק צוגעפאָרן באַטראַכטן זומער פּלעצער און אויסקלייבן פאַר זיך און די קינדער אַ פאַרם, וואו צו פאַרברענגען די הייסע זומער־מאָנאַטן. מר. האָש איז אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער ביזנעסמאַן. אַז דער זומער סעזאָן האָט זיך דערנעענטערט, האָבן מר. און מרס. האָש גענומען טראַכטן וועגן קאָונטרי, ווי עס פירט זיך ביי לייטן. מען האָט אַזוי גערעדט און געשאַפן פּלענער ביז מר. האָש האָט געראָטן זיין פרוי זי זאָל פריער באַקוקן אייניקע פּלעצער און קריגן אַלע איינצלהייטן. דאַן וועלן זיי ביי זיך באַשליסן וואָס צו טאָן.

מרס. האָש איז אַלזאָ אַוועקגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג נאָכצוזוכן זומער פּלעצער. זי איז געקומען צו אַ געוויסער מרס. סטיווענס, וועלכע האָט אַ פאַרם און אַ באָאַרדינג הויז אין זייער אַ פיינעם געגנט. אַז די מרס. האָש האָט נאָר אַביסל באַטראַכט דעם פּלאַץ, האָט זי זיך גוט פאַסמאַקעוועט. מען זעט דאָרטן דורך און דורך טיפע וועלדער, גרינע לאָנקעס, בלויע הימלען און די אַלע אַנדערע זאַכן, פון וואָס פּאָעטן מאַכן אַ לעבן. מרס. האָש איז פּשוט באַצויבערט געוואָרן דערפון.

בקיצור, די מרס. האָש האָט פיל ניט געקלערט און האָט זיך מיט דער פאַרמערקע באַדונגען און האָט באַשטעלט אייניקע רומס

פאַר זיך און אירע קינדער אויף די הייסע מאַנאַטן. זי האָט גאָר פאַר־געסן, דאָס זי האָט מיט איר מאַן אָפּגערעדט בלויז צו באַזוכן אייניקע קאָונטרי פּלעצער און ניט מאַכן קיינע ארענדזשמענטס הענדום־פּענדום.

אַז זי האָט דאָס איבערגעגעבן איר מאַן, איז ער ניט געווען איינ־שטימיק מיט איר. ער איז גראָדע ניט אַריינגעפאַלן אין אַזאַ קעל־בערנע התפעלות פון פאַרם, און גראָדע פירט זיך ביי מר. און מרס. האָש, דאָס ער, דער מאַן, האָט אויך עטוואָס צו זאָגן. אויסגעלאָזן האָט זיך, דאָס מרס. האָש איז אין יענעם פאַרם ניט געפאָרן. זיי זיינען אַלע געפאָרן אין אַן אַנדער פּלאַץ דעם זומער.

די מרס. סטיוועס, די אייגענטימערין פון דעם באַטרעפנדן פאַרם, האָט דערוייל געוואַרט אויף דער מרס. האָש און האָט געהאַלטן די באַשטימטע רומס אָנגעגרייט פאַר איר לויט ווי זיי האָבן אָפּגערעדט.

זי האָט עס פאַר אַ לאַנגע צייט צו קיינעם ניט פאַרדונגען. אַז זי האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, דאָס מרס. האָש איז גאָר אַוועק־געפאָרן אין אַן אַנדער פּלאַץ, האָט זי אַריינגעבראַכט אַ קלאַגע פאַר דעמעדזשעס קעגן מר. האָש. די קלאַגע האָט זיך באַגרינדעט אויף דעם אַגרימענט, וואָס די מרס. האָש האָט געמאַכט מיט איר, און אַזוי ווי דער אַגרימענט איז געבראָכן געוואָרן, דאַרף ער, מר. האָש, באַ־צאָלן דעמעדזשעס.

מר. האָש האָט גע׳טענה׳ט, דאָס ער האָט מיט דער פאַרמערקע קיינע אַגרימענטס ניט געמאכט און פאַר זיין פרויס אגרימענט דאַרף מען אים ניט מאַכן פאראנטוואָרטלעך. דער קאָורט, וואו דער טרייעל איז געווען, האָט זיין דערקלערונג ניט אָנגענומען און האָט גוט־געהייסן די קלאַגע פון דער פאַרמערקע. לויט דער מיינונג פון קאָורט איז פאָרן אין קאָונטרי פונקט אזא נויטווענדיקייט פאַר דער פאַמיליע ווי שפייז, קליידונג און נאָך אַזעלכע זאכן פאַר וועלכע דער מאַן מוז באַצאָלן ווען אפילו די פרוי אליין קויפט עס אָן דעם מאַנס וויסן.

די קייס איז אַפּעלירט געוואָרן אין אַ העכערן קאָורט. און דאָ איז די אנטשיידונג פון דעם נידעריקן קאורט אומגעוואָרפן געוואָרן. „קאָונטרי״ איז ניט קיין נויטווענדיקייט, האָט דער העכערער קאָורט דער־קלערט. מען קען לעבן אָן דעם אויך. די פרוי קען טאקע פאָדערן „קאָונטרי״ פון איר מאַן, און קעגן דעם העלפט ניט געוויינלעך קיין דזשאָדזש און קיין טאָטער. אָבער דער געזעץ פאָדערט עס ניט פון מאַן. פאָלגלעך איז דער פרויס אגרימענט פאר אַזאַ פאַרגעניגן ניט בינדנד אויף איר מאַן.

# גערי׳כט קעגן גערי׳כט

מר. דזשאָן פּיטער איז אין די ביזנעס פון האָלסייל גראָסערי אין ברוקלין. ווען מען איז אַריין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן פאַרשידענע קאָנטראַקטן צו ביז־נעסלייט, איז מר. פּיטערן געלונגען צו קריגן אַ קאָנטראַקט צו דע־ליווערן פּראָדוקטן. ער האָט צוגעשטעלט פאַרשידענע עסנוואַרג־פּראָדוקטן.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן דעם רעגירונגס קאָנטראַקט איז זיין באַנק־בוך געוואָרן זייער פעט . . .

מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט, זאָגט אַ גלייכוואָרט. די גרויסע פּראָפיטן, וואָס פּיטער האָט ביי דער רעגירונג געמאַכט, האָט אין אים דערוועקט אַ חשק צו מאַכן עס פיל גרעסער. ער האָט ניט פיל געקלערט און האָט געמאַכט אַ געהיימען אָפּמאַך מיט זיינע דריי־ווערס, ווי אויך מיט געוויסע אָפיסערס פון דער נייווי, וועלכע האָבן געהאַט אויפזיכט איבער די קאָנטראַקטן. לויט זייער אָפּמאַך פלעגן זיינע דרייווערס מאַכן „שאָרט דעליווערים״, דאָס הייסט זיי פלעגן ברענגען אַ קלענערע צאָל פּראָדוקטן וויפיל דער רעסיט לויטעט. צום ביישפיל, ער האָט געדאַרפט דעליווערן 100 באָקסעס קען־גודס, פלעגט דער דרייווער טאַקע קריגן אַ רעסיט פאַר הונדערט באָקסעס. דער אָפיסער איז, נאַטירלעך, דערפאַר גוט באַפרידיקט געוואָרן און אויך די דרייווערס האָבן דערפון אָפּגעלעקט אַ ביינדל . . .

ס׳איז אָבער געקומען אויף אים אַ צייט. גראָדע האָט איינער פון די נייווי אָפיסערס, וואָס איז געווען פאַרמישט אין דעם, פאַר־טשעפּעט זיך אין אַן אַנדער אנגעלעגנהייט, און מען האָט אים גענומען אונטערזוכן. אויף אַזאַ אופן איז אַנטדעקט געוואָרן די גאַנצע גע־שיכטע. גלייך נאָך דעם זיינען די באַטרעפנדע דרייווערס אַרעס־טירט געוואָרן און שפּעטער אַביסל אויך דער בעל דבר אַליין.

די דרייווערס האָבן זיך איינגאַנצן מודה געווען. זיי האָבן אי־בערגעגעבן דער רעגירונג די געשיכטע מיט אַלע איינצלהייטן. אָבער

פיטער האָט געלייקנט שטיין און ביין. ער האָט אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף די דרייווערס. ער אַליין, הייסט עס, איז נעבעך אומ־שולדיק.

אויפן טרייעל האָט דער דיסטריקט אטאָרני באַנוצט קעגן אים די אויסזאָגונג פון די דרייווערס. און דער דזשאַדזש האָט עס דער־לויבט. קיין באַוויזע פון אומפּאַרטייאישע עדות האָט מען גראָדע ניט געקענט קריגן. פיטערס לאָיער האָט באַטירלעך קעגן דעם פּראָ־טעסטירט.

די דזשורי האָט אים געפונען שולדיק. דער דזשאַדזש האָט אים פאַר׳משפּט אויף אַ יאָר אין פּריזאָן און 5,000 דאלאר שטראָף.

די קייס איז אַפּעלירט געוואָרן און דער העכערער קאורט האָט אומגעוואָרפן דעם אורטייל אויף דעם גרונד, דאָס די אויסזאָגונג פון די דרייווערס, וועלכע זיינען אַליין פאַרברעכערס, זיינען ניט גענוגנד.

# זיי טרעפן זיך נאָר אין קאָורט

מרס. ריינער איז אַ געוויינלעכע אידישע יונגע ווייבל און ווייסט ניט פון קיין פילאָזאָפיע. זי האַלט פון עולם הזה מער ווי פון עולם הבא. פון פאַרקרימטע פּנים׳ער ווייכט זי. איינמאָל בלויז לעבט מען אויף דער וועלט, זאָגט זי, און מען דאַרף ניט זיין שטענדיק פאַר־אומערט און פאַרביטערט.

זעט איר, דער מאַן אירער, איז שוין גאָר פון אַן אַנדער שניט. אַז איר גיט אַ קוק אויף אים, דוכט זיך אייך אויס, דאָס אויף אים ליגט דער גאַנצער וועלט־שמערץ. ער זעט אויס מרה־שחורה׳דיק, משמעות ער קען מיט דער וועלט קיין שלום ניט מאַכן.

דאָס פּאָרל איז ערשט דריי יאָר פאַרהייראַט. אָבער נחת האָט מען געהאַט פון זיי שוין אַ היפּש ביסל. דער פאַראומערטער יונגער־מאַנטשיק איז שוין עטלעכע מאָל ארעסטירט געוואָרן פון זיין שוואַרץ־חנ׳עווידיקער ווייבל. שוין אין אַלע קאָורטס אויסגעווען. אַ גאַנצער תושב דאָרטן. פאַרוואָס, ווילט איר וויסן? דאָ האָט ער איר ניט סו־פּאָרטעט, און דאָ איז ער גלאַט ניט קיין לייט. הכלל, עס איז ביי זיי געווען שטענדיק פריילעך.

צוזאַמען האָבן זיי כמעט קיינמאָל ניט געוואוינט. גלייך נאָך דער חתונה זיינען זיי זיך צעגאַנגען און אָנגעפאַנגען פירן אַ ברוגז־טאַנץ. פון צייט צו צייט פלעגן זיך די פאַמיליעס זייערע אַריינמישן און טרייען צוזאַמענברענגען זיי. אָבער עס האָט זיך דערפון גאָר ניט אויסגעלאָזט. זיי זיינען געבליבן צעשיידט. דערפאַר, אָבער, צרות האָבן זיי אָנגעטאָן איינע די אַנדערע פון דערווייטן. און אַז מען האָט זיך יאָ געטראָפן צוזאַמען, איז עס געווען אין די קאָורטס. אַ שטיקל גליק וואָס עס זיינען, ברוך השם, פאַראַן אַ סך קאָורטס. מען קען זיך דאָך זען ווען־עס־איז . . .

ענדלעך איז דער מאַן געווען דער קלעגער. ער האָט געוואָלט ניט מער און ניט ווייניקער ווי קאָורט זאָל איר אָפּ׳גט׳ן פון אים, און ער זאָל ווערן צוריק אַ פרייער פויגל. די געזעצלעכע אורזאַכע

פאַר אַ גט האָט ער אָנגעגעבן, דאָס זי האָט אים נעבעך אָפּגענאַרט און באַשווינדלט. פאַר דער חתונה האָט זי, די באַשערטע, אים דערקלערט, אַז זי איז אַ כשר׳ע אידישע טאָכטער, אַן אָרענטלעך קינד. ער האָט אָבער שפּעטער אויסגעפונען, זאָגט ער, דאָס זי איז געווען פריער ניט קיין אנשטענדיקע. בקיצור, ער וויל מיט איר ניט לעבן.

דער טרייעל איז פאָרגעקומען פאַרן אידישן ריכטער, נייטהען ביזשור, אין סופרים קאורט. יעדער צד האָט געבראַכט זיינע עדות צו באַווייזן דעם דזשאָדזש ווי גערעכט ער איז.

דזשאָדזש ביזשור האָט די קייס פאַרוואָרפן, און אַנטשידן קעגן דעם מאַן. ער האָט געזאָגט, דאָס צו דערקלערן אַ יונגע ווייבל אַלס אומאנשטענדיק, דאַרף מען האָבן מער באַווייזע. די פּאָרל איז אַוועק פון קאָורט ניט קיין געט׳גט׳ע.

# ניט קיין יחסן

אַז אַ דאָקטאָר זאָל דאַרפן גיין אין פּריזאָן צוליב אַזאַ נאַריש־קייט ווי לויפן צו שנעל מיט זיין מאַשין, איז טאַקע גאָר ניט יושר־דיק. אָבער געזעץ איז געזעץ.

אַזאַ לעסאָן האָט געקראָגן דר. זיידלער פון ברוקלין. ער האָט, פאַרשטייט איר מיך, אַ סך פּאַציענטן, אַ גוטע פּראַקטיקע און נאָך אַ בעסערן אויטאָמאָביל. און דאָ ליגט גראַדע דער אומגליק. דער אוי־טאָמאָביל האָט אַ מיאוס׳ע נאַטור צו לויפן ווי אַ טייוול. און צו אַלעם דעם זיינען פאַראַן אַ סך פּאָליסלייט וואָס באַווייזן זיך פּונקט דאַן ווען מען דאַרף ניט. זיי וואַקסן אַרויס פון אונטער דער ערד, ווי דער שטייגער איז.

פינף מאָל איז דר. זיידלער אַרעסטירט געוואָרן פאַר „ספּידן". געוויינלעך קומט מען אָפּ מיט אַ געלט־שטראָף און גע׳פּטר׳ט. האָט זיך דער דאָקטאָר אַזוי אַרויסגעדרייט מיט אַ פּאָר דאָלאַר יעדן מאָל וואָס ער איז „געפּינטשט" געוואָרן. דעם זעקסטן מאָל האָט זיך אָבער דער מזל פון אים אָפּגעקערט. דער מעדזשיסטרייט האָט אים פאַראורטיילט צו 10 טעג דזשייל. דער דאָקטאָר האָט זיך ביי אים געבעטן: „באַשטראָפט מיר מיט וויפיל איר ווילט, נאָר ניט מיט פּריזאָן". דער מעדזשיסטרייט האָט זיך איינגעי׳עקשנ׳ט און געזאָגט דזשייל און דזשייל.

דאָקטאָר זיידלער האָט אַפּעלירט אין קאָונטי קאָורט. ער האָט אָנגעוויזן, דאָס ערשטנס איז ער ניט קיין פאַרברעכער. ער האָט ניט געוואָלט טרייבן זיין מאַשין צו שנעל, בלויז אויף־צו־להכעיס דעם געזעץ. גראַדע האָט ער יענעם טאָג געהאַט אַ סך „קאָללס" צו קראַנקע און ער האָט געוואָלט אַלעמען אַטענדן. צווייטנס האָט ער געבעטן רחמים: וואָס הייסט, אַריינזעצן אַ דאָקטאָר אין דזשייל? אַלע וועלן זיך דערפון דערוויסן און דאָס וועט זיין אַ צו גרויסע שאַנדע פאַר אים.

דער אַפּיל איז געוואָרן צוריקגעוויזן מיט דער דערקלערונג, דאָס גראַדע ווייל מען איז ווילינג צו באַצאָלן שטראָף און ניט גיין אין דזשייל טאָר מען עס ניט דערלויבן. עס איז אַן אַלטער כלל, האָט דער ריכטער געזאָגט, דאָס די וואָס האָבן געלט, זוכן דערמיט אויס־צוקויפן זיך פון געזעץ. אָבער עס איז דאָ צו אַלץ אַ גרענעץ. און אויך דאָקטוירים דאַרפן עס האָבן גוט אין זינען.

# דער „צעבוטשערטער" לשון

סעם פּילטשיק איז אַ בוטשער און האָט זיין סטאָר אין דערזעל־בער הויז, וואו ער איז אַליין דער לענדלאָרד. ער האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט איינעם, מר. פּינקוס, צו פּאַרקויפן אים די הויז. זיי האָבן אָפּגערעדט אויף אַ באַשטימטן דעיט ווען צו ענדיקן דעם דיעל. ווען עס איז אָבער געקומען די באַשטימטע צייט פאַר דעם, זאָגט מר. פּינקוס צו מר. פּילטשיק: וואָס הערט זיך עפּעס מכח דעם מסחר? זאָגט פּילטשיק: וואו מסחר, ווער מסחר? ווייס איך וואָס, מיר האָבן דאָרט גערעדט נאַרישקייטן. מר. פּינקוס האָט גענומען שרייען, ליאַרעמען, עס האָט גאָר ניט געהאָלפן.

האָט ער געבראַכט פּילטשיקן אין קאָורט. ער פאַרלאַנגט, דאָס קאָורט זאָל צווינגען דעם לענדלאָרד צו האַלטן וואָרט לויט זייער קאָנטראַקט. פּילטשיק האָט חרטה געקראָגן ווען ריעל־עסטייט איז פיל געשטיגן.

אויפן טריִעל האָט פּילטשיק געלייקנט שטיין און ביין. ער האָט, זאָגט ער, מיט פּינקוסן קיין מגע ומשא ניט.

אַז מר. פּילטשיק איז גערופן געוואָרן צום וויטנעס־סטענד האָט ער, דורך זיין לאָיער, דערקלערט דאָס ער וויל רעדן אידיש. אַן איבערזעצער, אַ קאָורט־באַאַמטער, איז צו אים גערופן געוואָרן און דער לאָיער האָט געפרעגט די פראַגן אין ענגליש. דער איבערזעצער פון אחינו בני ישראל, האָט עס איבערגערעדט אין יאַהודיש דייטש. פּינטשיק האָט געענטפערט אין זיין לענדלאָרד־בוטשערשן אידיש, און דער איבערזעצער האָט עס איבערגעזאָגט אין ענגליש. אַזוי איז די פּראָצעדורע אָנגעגאַנגען פאַר אַ קורצע ווײַלע. ביסלעכווייז האָט מר. פּילטשיק גענומען ענטפערן מאַנכע פראַגן דירעקט צום לאָיער, פאַרלעצנדיק די ווירדע פונם איבערזעצער. נאַטירלעך האָט עס פּיל־טשיק געענטפערט האַלב אויף ענגלישן אידיש און האַלט אויף אידישן ענגליש. פּיפּטי־פּיפּטי. דעם גוי'שן דזשאַדזש האָט עס פערדראָסן. וויפיל יאָר ביסטו אין לאַנד? האָט ער פּילטשיקן געפרעגט. 20 יאָר — האָט ער געענטפערט. און דו ביסט אַ פאַרמעגלעכער לענדלאָרד

און אַ בוטשער? יעס סער — האָט פּילטשיק מיט אַ שמייכל געענט־פּערט. אויב אַזוי, דאַרפסטו רעדן ענגליש אין קאָורט.

דער איבערזעצער איז אַוועקגעגאַנגען און מר. פּילטשיק האָט נעבעך געדאַרפט שוויצן אויפן וויטנעס־סטענד מיט זיין שפּראַך, און אוודאי געקלערט, אַז דער דזשאַדזש איז אַ רשע . . .

# שוויגער און מאַמע

מר. און מרס. האטשינסאָן האָבן זיך געליבט בעפאָר דער חתונה, און אויך נאָכהער האָבן זיי זיך ניט פיינט געהאַט. זיי קומען ביידע פון פיינע פאַמיליעס. זיי האָבן זיך געקענט נאָך אַלס קינדער וואוי־נענדיק ניט ווייט איינע פון די אַנדערע.

אַרום און אַרום וואָלטן זיי געווען אַ גאַנץ וואויל פּאָרל און וואָלטן זיך געלעבט בשלום, ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין זייטיקע שטע־רונגען. און די שטערונגען קומען ניט פון פרעמדע בייזע מענטשן. דאָס קומט פון אייגענע פאַמיליע, וועלכע זיינען בלויז אויסן דעם גליק פון קינדער.

גלייך נאָך זייער חתונה האָבן זיי אַריינגעמופּט צו מר. האטשינ־סאָנס מוטער אין הויז. דאָס איז אַ גרויסע באַקוועמע פאַמיליען־הויז. האָט די אַלטע מרס. האטשינסאָן איינגעלאַדן די יונגע פּאָר פּאָלק צו זיך און האָט זיי אויפגעגעבן פאָלגנדן פּלאַן:

„וואָס דאַרפט איר, קינדערלעך, דרייען זיך אַ קאָפּ מיט זוכן רומס און עסק'ן זיך מיט פאָרניטשור און די אַלע איבעריקע זאַכן, פון וואָס אַ יונגע פּאָרל האָבן אַ סך זאָרג? מאַכט זיך בעסער אייער היים ביי מיר אין הויז. די הויז איז גרויס גענוג פאַר אַלעמען. די יונגע ווייבל וועט פאַרשפּאָרן האָבן צרות פון האַלטן אַ הויז. דערצו וועט אייך זיין דאָ פריילעך, שטענדיק צווישן אייגענע".

אַט אַזוי האָט די גוט־מיינענדע מאַמע איינגעג'טענה'ט מיט די יונגע קינדער. זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָלגן דער מאַמען און אָנ־נעמען איר עצה.

זיי האָבן זיך שנעל איינגעאָרדנט. עס איז זיי אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדער רום. דאָס איז געווען זייער אייגנס. געוויינלעך פלעגט די יונגע ווייבל ניט דאַרפן מער ווי איין רום. וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן אין הויז איז ניט געווען קיין סך. זי פלעגט בלויז אַרויס־העלפן דער שוויגער.

די שוויגער האָט געטאָן די אַרבעט און איז אָבער אויך געווען

די גאַנצע בעל־הבית׳טע. ביי איר זיינען געווען אַלע שליסעלעך. די יונגע פּאָרל זיינען בלויז געווען קעסט־קינדער, באָרדערס.

מיט דער צייט האָט זיך די לאַגע געענדערט. די יונגע מרס. האטשינסאָן איז געוואָרן אַ מאַמע. דאָס קינד איז געהאָדעוועט גע־וואָרן מייסטנס פון דער באָבען, די שוויגער. זי האָט נאָך באַטראַכט אויך די יונגע טאַטע און מאַמע אַלס קינדער, און צו דערציען אַ קינד פּאַסט זי זיך פיל בעסער. אַזוי האָט זי געמיינט. שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ קינד, און נאָך שפּעטער אַ דריטע קינד. זי, די שוויגער, האָט די קינדער אויף אירע הענט אויפגעהאָדעוועט, שטאָל־צירט זי.

דער יונגער מרס. האטשינסאָן איז אָבער מיאוס געוואָרן דער סאָרט לעבן. זי האָט געוואָלט ווערן אַ בעל־הבית׳טע פאַר זיך אַליין, האָבן אייגענע פיר ווינקעלעך און זיין מיט לייטן גלייך. וויפיל איז דער שיעור צו זיין אַ באָרדערקע?

האָט זי זיך ווענן דעם דורכגערעדט מיט איר מאַן. ער האָט דערצו קיין חשק ניט געהאַט. עס איז אים קענטיג שווער געווען צו שיידן זיך מיט דער מאַמעס פאַרטוך. די פרוי איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס איריקע. זי האָט אים פריער געבעטן און געבעטן, אָבער שפּעטער האָט זי עס גענומען פאָדערן. זי וויל דורכאויס אַן אייגענע היים.

דער שוויגער און די איבעריקע פון דער פאַמיליע האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. וואָס הייסט זי בונטעוועט זיך עפּעס? וואָס געפעלט איר אַזוי ניט צו וואוינען צוזאַמען?

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און שוויגער און שנור האָבן זיך גענומען אַרומרייסן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער יונגער מרס. האטשינסאָן איז דאָס לעבן געוואָרן אַזוי ענג, דאָס זי האָט געמוזט פאַרלאָזן די הויז.

זי האָט געוואָלט נעמען די קינדער מיט זיך, אָבער די שוויגער האָט עס איר ניט דערלויבט. „זיי זיינען מיין זונס קינדער, און איך האָב זיי אויסגעהאָדעוועט", האָט די אַלטע מרס. האטשינסאָן דערקלערט. דאָס ערגסטע דערביי איז געווען וואָס די קינדער אַליין האָבן אויך ניט געוואָלט אַוועקגיין פון דער באבען. זיי זיינען געווען זייער צוגעבונדן צו איר. דאָס איז געווען דער טראַגישסטער טייל פאַר דער יונגער מאַמען.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ איז זי אַוועק פון דער שוויגערס הויז, אָן אירע קינדער. זי האָט אָבער געהאָפט, דאָס דער מאַן וועט איינזען

די לאַגע און וועט קומען מיט די קינדער צו איר און אויפֿבויען אַ היים פֿאַר זיך.

דער מאַן האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן ווי אַ למך. ער האָט צוגעבאַמקעט צו אַלץ וואָס די מאַמע האָט געזאָגט אָדער געטאָן. קיין אייגענעם ווילן האָט ער ניט געהאַט. אַז די מאַמע האָט זיך צעקריגט מיט זיין ווייבל, און האָט אים איינגערעדט דאָס די ווייבל זיינע איז אַ מרשעת, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ דערצו. און אַז די מאַמע זאָגט דאָס די קינדער מוזן פֿאַרבלייבן מיט איר, און ניט גיין מיט דער שנור, ווייסט זי מסתמא וואָס זי זאָגט.

די יונגע מרס. האטשינסאָן האָט זיך ניט געקענט דערוואָרטן אויף איר מאַן און זי האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. זי איז אַוועק אַרבעטן און האָט זיך אַליין דערנערט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי קומען זען די קינדער. אין הויז צו דער שוויגער האָט זי ניט געוואָלט אַריינגיין, פֿלעגט זי וואַרטן מיט אַ צעוויטאָקט האַרץ אין דרויסן, ביז די קינדער וועלן אַרויסגיין אין סטריט זיך שפּילן. ניט אייג־מאָל איז זי אַזוי געשטאַנען אין רעגן, אין קעלט און אין זאַווערוכעס, און געוואַרט צו קענען זען אירע אייגענע קינדער . . .

צוויי יאָר האָט זי זיך אַזוי געמוטשעט ביז זי האָט רעוואָלטירט. זי האָט זיך געווענדעט אין קאָורט וועגן דעם. זי פֿאַרלאַנגט בלויז די קינדער, ניט מער.

די קייס איז פֿאָרגעקומען אין סופּרים קאָורט. אַלע זיינען געווען אנוועזנד: די פֿרוי, דער מאַן, זייערע דריי קינדער, די אַלטע שוויגער און די גאַנצע פֿאַמיליע. דער דזשאַדזש האָט אַלעמען אויסגע־הערט און פֿון זיין האַלטונג האָט מען גלייך געקענט זען, דאָס ער האַלט מיט דער פֿרוי. מען האָט געקענט באַמערקן ווי ער וואַרפֿט אַלע ווילע בייזע בליקן אויף דעם מאַן.

נאָר אַט רופֿט אויס דער דזשאַדזש דאָס ער וויל רעדן מיט די קינדער גופֿא. אַ באַאַמטער פֿון קאָורט פֿירט זיי אַרויף צום דזשאַדזש. די קינדער זיינען גאַנץ קלוגע. דער עלטערער באַי איז אַרום 11 יאָר אַלט, דער אינגערער באַי איז אַרום 7 יאָר, און אַ מיידעלע פֿון אַ 4—5 יאָר. די מוטער, די קלעגערין, איז גראָדע דאַן געזעסן נעבן דזשאַדזש, אויפֿן וויטנעס סטענד. די מאַמע מיט די קינדער האָבן זיך אומדערוואַרט צוזאַמענגעטראָפֿן.

אין קאָורט איז פֿלוצלונג געוואָרן שטיל, טויט שטיל. די קינדער וועלכע זיינע געווען פֿריילעך און דרייסט ביים אַרויפֿגיין אויף דער פּלאַטפֿאָרם זיינען געוואָרן בלאַס און שיער וואָס זיי האָבן ניט צו־

זאַמענגעבראַכן. די מאַמע קוקט אויף זיי און זיי אויף איר. קענטיק דאָס זי וואָלט זיי וועלן אַרומנעמען, האַלדזן זיי. זי שעמט זיך אָבער. זי זיצט נעבן דזשאַדזש און אויך די קינדער שטייען ביים דזשאַדזש. זי פירט אָן אַ קייס און מוז זיך האַלטן מיט ווירדע.

ביי דער מרס. האטשינסאן האָבן זיך גענומען קייקלען טרערן פון די אויגן און די מיידעלע, די אינגסטע קינד, האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין אויפן קול. זי שטייט ביי דער מאַמען, אָבער זי האָט מורא צוצוגיין נענטער צו איר. דער דזשאַדזש קוקט אויף איר. עס האָט אַזוי געדויערט עטלעכע מינוטן און עס האָט זיך אויסגע־דוכט דאָס באַלד, באַלד וועט די מוטער ווערן היסטעריש. דאָס איז געווען אַ רירנדע סצענע.

דער דזשאַדזש האָט גענומען די קליינע מיידעלע צו זיך אויפן שויס און די צוויי גרעסערע קינדער, די באָיעס, האָט ער צוגערופן נענטער צו זיך און געפירט אַ געשפּרעך מיט זיי. ער האָט עס געטאָן גאָר ניט מעשה דזשאַדזש. מען האָט געקענט מיינען, דאָס ער איז מיט די קינדער ווי אַנדערע צוויי. און נאָכדעם ווי ער האָט די קליינוואַרג באַרואיקט האָט ער זיי געפרעגט גאַנץ איינפאַך צי זיי האָבן ליב די מאַמע און ווילן גיין מיט איר, אָדער זיי ווילן בעסער בלייבן ביי דער באָבען. צו דער איבעררראַשונג פון דזשאַדזש און דעם גאַנצן עולם האָבן די עלטערע קינדער געענטפערט, אַז זיי ווילן ניט גיין צו דער מאַמען, ווערנד די קליינע מיידעלע האָט אַלץ גע־ווינט. די באָיעס האָבן עס אַרויסגערעדט מיט אַ פאַלשן טאָן. מסתמא האָט מען עס מיט זיי אין דער היים איינגעשטודירט זיי זאָלן אַזוי רעדן.

דאָס האָט דעם דזשאַדזש אויפגערעגט. ער האָט שטאַרק אויס־געזידלט דעם פאָטער און האָט אים געזאָגט דאָס ער דאַרף זיך שעמען פאַר זיינע אייגענע קינדער. „צונעמען מיט געוואַלט קינדער פון אַ מאַמען איז פאַרברעכעריש, און צו באַאיינפלוסן זיי דאָס זיי זאָלן פאַרלירן זייער ליבע צו דער מאַמען, איז נאָך ערגער". ער האָט געזאָגט דער פרוי דאָס זי וועט גלייך קריגן אירע קינדער און דעם מאַן האָט ער געהייסן מאַכן אַ היים, און לעבן מיט דער פרוי און קינדער.

באַליידיקט און פאַרשעמט האָבן דער מאַן און זיין מוטער, די שוויגער, פאַרלאָזן דעם קאָורט. די פרוי האָט געזיגט. אַלעמען איז עס געפעלן געוואָרן.

# דער קינסטלער

„איך גנב׳ע ניט ווייל איך נויטיק זיך אין דעם. ניין, איך טו עס ווייל איך גלייך צו טאָן אַ גוטע שטיקל אַרבעט״ — אָט מיט די ווערטער האָט זיך דער יונגער פאַרברעכער קאַלינס געווענדט צום דזשאַדזש ווען מען האָט אים אַרעסטירט און געבראַכט אין קאָורט.

ביי קאַלינסן איז ניט קיין נייס אַרעסטירט צו ווערן. ער שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר אַזוינע זאַכן. אים פאַלט ניט איין אין האַרצן אויך ווען ער ווערט פאַראורטיילט און אַוועקגעשיקט אויף „פרייע קעסט״. קאַלינס איז ניט קיין פייגלינג, ער נעמט זיין מעדיצין, ווי אַ מאַן, זאָגט ער.

לעצטן מאָנאַט איז ער „געפינטשט״ געוואָרן פאַר צוכאַפּן אַ הענד בעג ביי אַ ליידי. זי האָט געמאַכט אַ גוואַלד און מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. צוליב דעם גרויסן געדראַנג האָט ער ניט געקענט אַנטלויפן. אַזוי אַרום האָט אַ דעטעקטיוו אים געפּאַקט.

אַז ער איז פאַרגעבראַכט געוואָרן אין קאָורט, פרעגט אים דער דזשאַדזש ווארום ער וויל זיך ניט אויסמענטשלען. „כ׳לעבן עס איז שוין צייט אַוועקצוואַרפן דיינע שיינע מעשים״ — האָט ער אים גענומען מוסר׳ן.

קאַלינסן האָט עס אָבער ניט גענומען.

„וואָס אַז דער ליידי׳ס הענד בעג וואָלט געבליבן ביי מיר?״ האָט ער געפרעגט. „זי האָט געוויס גענוג געלט אָן דעם אויך. און פון וואָס מאַכט מען עס אַזאַ טומל? משטיינס געזאָגט, אַ שטיקל פּאַקעט בוק מיט אַ פּאָר סענט. איבערהויפּט האָב איך הנאה ווען עס גיט זיך מיר עפּעס איין; דאָס באַווייזט מיר, אַז איך בין פייאיק״.

אַזעלכע אַרגומענטן האָט קאַלינס געגעבן דעם דזשאַדזש, וועלכער האָט אָנפאַנגס געמיינט, דאָס דער אַרעסטירטער איז משוגע, נאָר עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן דאָס ער איז גוט ביים זינען.

ער וועט זיך געוויס אַביסל אויסרוען אין דזשייל איבער־אַ־נייס.

# „ראַסן-געפיל״ און געלט

מרס. מאַט איז אַ רייכע פרוי און האָט אַ בעל הבית׳ישן אױ־טאָמאָביל. נו, דאַרף מען געוויס האָבן אַ שאָופער צום אויטאָמאָביל. האָט זי גענומען אַ נעגער מיטן נאָמען קינג, אַ יונגערמאַן ניט קיין מיאוס׳ער. ער איז פאַרהייראַט און לעבט זיך אין רו און פרידן מיט זיין ווייבל, מרס. קינג, נאַטירלעך אויך אַ שוואַרצע. מרס. קינג, וועלכע איז די קלעגערין אין דער קייס, זאָגט, דאָס איר מאַן, דער שאָופער, איז אַלע מאָל געווען זייער גוט צו איר. ער איז שטענדיק געווען געטריי צו איר און האָט איר געליבט, ביז — דאָ פאַנגט זיך אָן די דראַמע.

נאָכדעם ווי קינג איז אָנגעקומען צו דער מרס. מאָט אַלס שאָו־פער, איז ער וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ גלייכגילטיקער צו זיין ווייבל. דער פייער פון ליבע איז ביי אים פאַרלאָשן געוואָרן, ווי ראָמאַנען־שרייבער וואָלטן געזאָגט. אין דער זעלבער צייט האָט זי אָבער אויך אויסגעפונען, דאָס צווישן אים און זיין רייכע בעל הבית׳טע, מרס. מאַט, איז עפּעס ניט גלאַט. זייערע באַציאונגען זיינען ניט ווי ביי אַ באַלעבאָסטע און אַן אַרבעטער. אויב דיביידע פאַקטן, די קאַלט־קייט צו זיין אייגענער ווייבל און די גאָר נאָענטע פריינדלעכקייט צו דער רייכער מרס. מאַט האָבן עפּעס אַ שייכות צווישן זיך איז שווער צו זאָגן מיט זיכערקייט. דאָס האָט אָבער פּאַסירט אין איין און דערזעלבער צייט, טענה׳ט די שוואַרצע מרס. קינג.

אין אָנפאַנג האָט עס איר אפילו אויסגעקוקט צו זיין ווילד און אומגלויבלעך. וואָס הייסט, אַ רייכע, ווייסע ליידי זאָל זיך ליבן מיט אַ שאָופער אַ נעגער? וואו איז דער ראַסן־געפיל? זי האָט אָבער, זאָגט זי, געהאַלטן אַן אויג אויף אים, און האָט דערגאַנגען, דאָס עס איז אַ ביטערער אמת. די רייכע מרס. מאַט האָט אים, דעם נעגער, פאַר׳כישוף׳ט, אַזוי האָט געֹרעדט די שוואַרצע פרוי.

פאַר אַזאַ האַרץ־ווייטאַק, פאַרן פאַרלוסט פון איר מאַנס ליבע, דענקט מרס. קינג, דאָס איר קומט דעמעדזשעס. זי וויל ניט אַנדערש ווי צען טויזנט דאָלאַר דערפאַר. מיט אַזאַ מטבע קען מען ווי עס איז פאַרהיילן די וואונדן. עס קען טאַקע זיין, דאָס זי וואָלט

פאַר איר מאַן אין די גוטע צייטן ניט געגעבן קיין פּיטאַק. יעצט אָבער איז ער ביי איר ווערט גאַנצע צען טויזנט דאלאר.

אין דעם איז באַשטאַנען איר טעות. עס איז געוואָרן קענטיק, אַז זי פּירט ניט קיין מלחמה פאַר איר ווירדע, נאָר פאַר געלט. דער טרייעל האָט אָנגעהאַלטן אַ היפּשע צייט, עדות זיינען גערופן געוואָרן פאַרביידע צדדים. אין קאָורט איז געווען לעבעדיק.

אויסגעלאָזן האָט זיך ניט זייער יום־טוב׳דיק פאַר דער קלעגערין. פון אירע צען טויזנט דאלאר וואָס זי האָט דערוואַרט אַז אָט־אָט קריגט זי עס, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. קיין צען סענט האָט זי אפילו ניט באַקומען. די דזשורי האָט אַריינגעבראַכט אַן אורטייל קעגן איר.

# וואָל סטריט

לאָזט מען זיך נאָר אַריין אין געמבלינג און מען פאַרזוכט דעם טעם פון „גרינגע געלט", איז שוין שווער אַרויסצורייסן זיך דערפון.

די געשיכטע דערפון איז אַזוי: אַ געוויסע לאָיער פירמע אין בינגהעמטאַן, ניו יאָרק, האָט געהאַט אַ געוויסן מר. קאָרוועק, אויך אַ לאָיער, אַלס איינעם פון דער פירמע. קארוועק איז געווען באַקאַנט אַלס אַ שטילער און עכט אנשטענדיקער מענטש. ער איז געווען כמעט דער גאַנצער פירער פון אָפיס. אים פלעגט מען אַנטרויען גרויסע סומען געלט און די וויכטיקסטע אנגעלעגנהייטן פון דער פירמע. אַזוי איז עס אַנגעגאַנגען פאַר אַ לאַנגער צייט.

דורך אַ געוויסן צופאַל האָט זיך קארוועק באַקאַנט מיט א בראָוקער פירמע, האדסאָן און קאָ., אין וואָל סטריט, ניו יאָרק. די בראָוקער פירמע טוט גרויסע ביזנעס אין סטאָקס און באנדס. קארווערן האָט זיך זייער פארשמעקט די ספעקוליישאַן ביזנעס. קיין סך געלט האָט ער אָבער ניט געהאַט. ער איז ניט געווען קיין רייכער מאַן. האָבנדיק דעם פולן צוטריט צו די געלדער פון דער לאָו פירמע, פלעגט ער פון צייט צו צייט נעמען געוויסע סומען, אום צו קענען ספעקולירן דערמיט. ער האָט קיין שלעכטע אַבזיכטן דערביי ניט געהאַט. ניט געוואָלט חלילה גנב'ענען. ער האָט בלויז „געליען". עס האָט אים געצויגן ווי אַ מאַגנעט צו וואָל סטריט ספעקוליישאָנס.

מיט דער צייט איז ער אָבער מיאוס אַריינגעקראָכן אין די געמבלינג ביזנעס. ער האָט געליטן גרויסע פאַרלוסטן. און דאָ האָט ער שוין מאָסן געלדער אַרויסגעשלעפט פון אָפיס און ווייסט ניט ווי צו „קאווערן" עס. ער האָט זיך גע'ישוב'ט פאַר אַ לאַנגער צייט און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער צוגערופן די לאָיערס פון אָפיס און האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ דערקלערונג, דאָס ער האָט פאַרשפּילט זייערע צוואַנציק טויזנט דאלאר. ער האָט זיי אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת.

די לאָיערס האָבן געפילט ווי אַ דונער וואָלט זיי דערשלאָגן. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט מאַכן קיינע עפנטלעכע סקאַנ־

דאָלן. זיי האָבן באַשלאָסן, דאָס עס איז פיל גלייכער צו דער־שטיקן עס. אַז זיי וועלן אַרויס דערמיט אין דער עפנטלעכקייט וועט ווערן לייטיש געלעכטער און זיי וועלן פאַרלירן זייערע קליענטן און נאָך רואינירט ווערן. בעסער אַראָפּצושלינגען עס שטילערהייט.

קאַרוועט האָט זיי געגעבן זיין הייליקן פאַרשפּרעכן דאָס ער וועט מער אַזוינס ניט טאָן און ער איז מיט זיי פאַרבליבן אויף ווייטער. די לאָיערס זיינען געווען ביי דער בראָוקער פירמע און געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך מיטן מענעדזשער. זיי האָבן אים דערציילט די גאַנצע לאַגע און האָבן אים אָנגעזאָגט אַז, די שעה זאָל קיין שעה ניט זיין, טאָמער קומט קאַרוועט אַריין צו זיי נאָכאַמאָל פאַר ספּעקולייִשאָן, זאָל מען די לאָיערס למען השם גלייך צו וויסן לאָזן.

ביסלעכווייז האָט קאַרוועט צוריקגעקראָגן דעם צוטרויען און ער איז ווידער געוואָרן דער גאַנצער אויפזעער אין אָפיס, דער גאַנ־צער בעל הבית איבער די געלדער מיט אַלץ מיט אַן אַנדער.

עס איז אַריבער אַ פּאָר יאָר. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען זיך געכאַפּט דאָס קאַרוועט איז ניטאָ און עס פעלט אין אָפיס צענדליקע טויזנטער דאָלאַרס. די לאָיערס זיינען גלייך דערגאַנגען דאָס ער האָט ווידער ספּעקולירט אין וואָל סטריט און האָט דערביי פאַרלאָרן מאַסן געלדער. ער האָט דאָס גאָר כמעט ניט אויפגעהערט צו טאָן. נאָך מער, ער איז די גאַנצע צייט געווען פאַרבונדן טאַקע מיט דער זעלבער בראָוקער פירמע, וועלכע האָט צוגעזאָגט די לאָיערס ניט צו האָבן מיט קאַרוועטן מער צו טאָן.

די לאָיערס האָבן געקלאָגט די בראָוקער פירמע פאַר באַשווינד־לען. די קייס האָט זיך לאַנג געצויגן ביז ענדלעך האָט דער קאָורט גע׳פּסק׳ענט, דאָס די לאָיערס זיינען באַרעכטיקט צו זיבן טויזנט דאָלאַר דעמעדזשעס. האָבן די בראָוקערס אַפּעלירט, און דער קאָורט אָוו אַפּילס האָט אַרויסגעגעבן זיין אַנטשיידונג, אַז די בראָוקערס זיי־נען ניט שולדיק.

די אורזאַכע וואָס דער קאָורט גיט אָן איז אַ גאַנץ פּשוט׳ע. די לאָיערס האָבן געמעגט אַליין פאַרשטיין, דאָס קאַרוועט קען זיך זייער לייכט אויסגליטשן, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרזוכט דעם געשמאַק פון

געמבלינג. ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט צום ערשטן מאָל, דאָס ער האָט אַזאַ שוואכקייט, האָבן זיי ניט געטאָרט איבער־אַ־נייס איבער־געבן אין זיינע הענט זייער געלט, דאָס האָט אים נאָך מער גערייצט. זיי האָבן קיין רעכט ניט געהאַט צו פארלאָזן זיך אינגאַנצן אויפן בראָוקערס צוזאָג און אויך קארוועריס תשובה טאָן. קלעפּיקע פינגער איז שווער צו דערוואַשן. אַז זיי אליין זיינען ניט געוועזן פּאַרזיכטיק, קענען זיי צו קיינעם קיין טענות ניט האָבן.

# דער באָרדער

מר. און מרס. לייאנס זיינען שוין ניט קיין יונגע מענטשן. עס איז שוין 28 יאָר נאָך זייער חתונה. זיי האָבן אַ פאַרהייראַטן זון אויך. זיי האָבן אָבער קיינמאָל קיין גוט לעבן ניט געהאַט. זייט היפשע עטלעכע יאָר וואוינען זיי ניט צוזאַמען.

זייערע צרות האָבן זיך אָנגעפאַנגען הויפּטזעכלעך איבער פּרנסה. די פרוי, מרס. לייאנס, ווייסט ניט פון קיין גרויס פילאָסאָפיע. זי פאַרשטייט בלויז, דאָס א מאן דאַרף מאַכן אַ לעבן און סופּאָרטן א ווייב מיט קינדער. אַזוי, זאָגט זי, פירט זיך די גאַנצע וועלט, און אזוי האָט זי ביי זיך אויך געוואָלט פירן. מר. לייאנס האָט אָבער אַן אַנדער „קוק אויפן לעבן". הייראַט, גליק און אָפּשקלאָפן דעם גאַנצן לעבן גייען עפּעס ניט האַנט אין האנט, לויט זיין מיינונג. אויב ער דאַרף אָפּפינסטערן זיין וועלטל ביי דער אַרבעט, טאָ צו וואָס האָט זיך אים געלוינט דער „באַדערן זיך" און חתונה האָבן?

איבעריקנס, איז טאַקע אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. דאָ האָט ער זיך גענומען צו איין באַשעפטיקונג און דאָ צו אַ צווייטער. ער איז שוין אַ סאַלון־קיפּער אפילו געווען, און עס האָט אים ניט אָפּגעגליקט. איצט איז ער אַ טרעוולינג סיילסמאַן און, לויט ווי ער זאָגט אליין, מאכט ער דערביי וואסער אויף קאַשע.

פאַר די לעצטע צוואנציק יאָר איז זיין פרוי די פאַרדינערין. זי איז אַ בריה. זי האָט שוין אַ פאַרם געהאט און פאַרקויפט עס. איצט האַלט זי אַ באארדינג הויז און מאַכט אויס ניט שלעכט. איר לעבן איז נאָר פארביטערט וואָס זי איז אַ לעבעדיקע עגונה. דערצו ווייסן נאָך אַלע באקאנטע זייערע, דאָס איר מאן לעבט מיט אנדערע פרויען און דאָס טוט איר זייער וויי. זי האָט דאריבער באַשלאָסן צו ווענדן זיך אין קאָורט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור צו ווערן פון איר געזעצלעכן „פאַרזאָרגער".

די קייס איז פאַרגעקומען אין סופּרים קאָורט. עס איז אויף דעם טרייעל באוויזן געוואָרן, דאָס דער אָנגעקלאָגטער האָט פאַר א לענגערער צייט געוואוינט צוזאמען מיט אַן אַנדער פרוי אלס מאַן און

ווייב. אלע שכנים האָבן זיי געהאַלטן אַזוי און אפילו די דזשעני־טאָרין, אַן אלטע דערפאַרענע פרוי, האָט זיי פאַררעכנט פאַר מאַן און פרוי. ביים רעדנטן די רומס האָבן זיי זיך אָנגערופן אלס מר. און מרס וויליאַמס און קיינעם איז גאָר ניט איינגעפאַלן, דאָס מר. „וויליאַמס" איז ניט קיין אַנדערער ווי מר. לייאַנס, דער העלד פון דער געשיכטע.

די מרס. וויליאַמס איז א יונגע אלמנה און ניט קיין מיאוס'ע ווייבל. זי אַרבעט אלס אַ פאַרליידי אין אַ וועהייט גודס פעקטאָרי און פאַרדינט גאַנץ פיין. פאַר אַזאַ לא יוצלח איז זי גאָר ווי צוגעטראָפן. און זיי האָבן טאַקע געלעבט ווי צוויי טייבעלעך. אין די אָוונטן פלעגן זיי זיך אויסגיין און פאַרברענגען ווי גאָט האָט געבאָטן. מרס. וויליאַמס' טאָכטער, אַ מיידל פון א יאָר 18, פלעגט רופן לייאַנסן „פּאַפּאַ". בקיצור, עס וואָלט אים געווען גאָר ניט שלעכט ווען זיין ערשטע פרוי וואָלט זיך צו אים ניט צוגעטשעפּעט מיט אַ טראָבל אין קאָורט. דאָס, זעט איר, איז אים גאָר ניט צום הארצן.

ווען ער איז גערופן געוואָרן צום וויטנעס סטענד, האָט ער אָנגעשטעלט אַ נעבעך פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט געווען גאָט די נשמה שולדיק. וואָס האָט מען צו מיר? האָט ער גע'טענה'ט. איך בין ניט מער ווי אַן אָרימער „באָרדער", מ'שטיינס געזאָגט. פאַר וואָס רודפ'ט מען מיך?

דאָס וואָס אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער וואוינט מיט מרס. וויליאַמס אַלס מאַן און פרוי גייט אים ניט אָן, זאָגט ער. מאַלע וואָס שכנים און בייזע צינגער זאָגן? און אַז די יונגע מיס וויליאַמס רופט אים „פּאַפּאַ", איז ער אויך ניט שולדיק. ער קען איר קיין דעות ניט זאָגן, ווי צו רופן אים. אָט אַזעלכע און ענלעכע תירוצים האָט ער געגעבן דעם דזשאָדזש צו איבערצייגן אים, דאָס ער איז געווען בלויז אַן אומשולדיקער באָרדער ביי דער מרס. וויליאַמס.

אגב, דערקלערט ער, אַז די קלעגערין, אייגנטלעך, איז ניט אין כעס אויף אים ווארום ער לעבט ניט מיט איר. זיי זיינען דאָך שוין צעשיידט פיל יאָרן. און ער איז אַלע מאָל א פאַרוואָגלטער באָרדער. און ער איז קיינמאָל דערפאַר ניט געקלאָגט געוואָרן. נאָר וואָס זשע דען? איר פאַרדריסט בלויז, וואָס זי הערט, אַז גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ יונגע אלמנה, מרס. וויליאַמס. מען פאַרגינט ניט יענעם אַ גוטן מזל.

דער דזשאָדזש האָט געפונען די קלאָגע באַגרינדעט און האָט באַוויליקט דער מרס. לייאַנס איר פאַרלאַנג פאַר אַ גט.

# די אַקטריסע

אַז עס איז ניטאָ קיין מזל איז ביטער ווי דער טויט. עס העלפט ניט קיין זאַך כאָטש צערייס זיך. און דאָס איז ניט נאָר מיט פּראָסטע מענטשן, נאָר אפילו מיט גרויסע קינסטלער.

אָט איז מיסס דאָלי קעסטעלס, אַ באַרימטע אַקטריסע פון בראָדוויי, דערהויבן געוואָרן און איז געוואָרן אַ סטאַר אויף דער בינע. פון אַ געוויינלעכער אַקטריסע איז זי מיטאַמאָל געוואָרן אַ „סטאַריכע" אין דער באַקאַנטער שאָו „פלאָ-פלאָ", וואָס איז גע־שפילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. זי האָט געמאַכט אַ „היט" און באַקומען די ראָלע פון דער לידינג ליידי מיט אַ געהאַלט פון הונדערט און פופציק דאָלאַר אַ וואָך.

מאַכט זיך אָבער, דאָס דאָלי קעסטעלס האָט געפילט ניט גוט. זי איז דאַן געווען אַנגאַזשירט אין קאָורט טעאַטער פאַרן גאַנצן סעזאָן. יענעם אָוונט האָט די טעאַטער קאָמפּאַני געהאַט אַ ריהוירסל. דאָלי האָט ניט געקענט קומען צום ריהוירסל. האָט זי אַוועקגעשיקט אַ טע־לעגראַמע צום מענעדזשער און געלאָזט אים וויסן וועגן דעם. צו איר שלים-מזל איז אָבער די טעלעגראַמע פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם אָפיס פון דער טעלעגראַף קאָמפּאַני און דער מענעדזשער פון טעאַטער האָט עס ניט דערהאַלטן.

דערווייל וואַרט מען אויף דער לידינג ליידי צום ריהוירסל. מען וואַרט און מען וואַרט און זי איז אַלץ ניטאָ. און די פּיעסע מוז מען אונטער אַלע אומשטענדן פאַרפאַרטיקן. בקיצור, דער מענעדזשער האָט אַן אַנדער אַקטריסע געקראָגן צו פאַרנעמען דאָליס פּלאַץ.

אַז דאָלי קעסטעלס איז קורץ נאָכדעם געקומען אין טעאַטער, האָט זי אויסגעפונען איר אומגליק. ניט נאָר האָט זי פאַרלאָרן די גאָלדענע געלעגנהייט צו ווערן אַ גרויסע באַרימטהייט אין דער טע־אַטער וועלט, נאָר אפילו איר דזשאָב האָט זי אויך ניט. זי שרייט: „סטייטש, איך האָב דאָך אייך געשיקט אַ טעלעגראַמע". דער מע־נעדזשער זאָגט אָבער, אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. אַז זי איז ניט געקומען צום ריהוירסל האָט ער געמוזט אָנשטעלן אַן אַנדער

אַקטריסע. טענה אַהער, טענה אַהין, איר גליק איז דערוויל אַוועק־געשוואומען פון איר. אויס סטאַריכע און אויס דזשאַב.

האָט זי זיך דורך דעם אָפּגעפּלאָגט דעם גאַנצן סיזאָן און האָט גאָר ניט פאַרדינט. אין קיין אַנדער טעאַטער האָט זי ניט געקענט קריגן קיין פּלאַץ.

קענטיק, דאָס זי האָט ניט געקענט קלאָגן דעם טעאַטער פאַר אַנטזאָגן איר. לויט דעם מענעדזשערס באַהויפּטונג, איז דאָס געווען איר אייגענע שולד, וואָס זי איז ניט געקומען צום ריהוירסל און אים ניט געלאָזט וויסן דערפון. יעדנפאַלס, זיין שולד איז עס ניט.

האָט זי זיך מישב געווען און אַריינגעבראַכט אַ קלאַגע קעגן דער טעלעגראַף קאָמפּאַני פאַר פינף טויזנט דאלאר דעמעדזשעס. אַזוי ווי אירע צרות זיינען געווען א רעזולטאַט פון דער קאָמפּאַניס נאכלע־סיקייט, וואָס איר טעלעגראמע איז פאַרלאָרן געגאַנגען, איז בכן זאָל די טעלעגראַף קאָמפּאַני באַצאָלן איר פאַרן דזשאַב.

דער קאָמפּאַניס שטאַנדפּונקט ביים טרייעל איז געווען, דאָס זיי ווייסן ניט פון וואָס צו זאָגן וועגן דעם פאַרלאָרענעם דזשאַב. עס האָט מיט זיי ניט צו טאָן. אַלץ, וואָס די אַקטריסע קען ביי זיי מאָנען, איז דעם האלבן דאלאר, וואָס זי האָט באַצאָלט פאַר שיקן די טע־לעגראַמע.

דער דזשאַדזש האָט אַנטשיידט, דאָס די אַקטריסע איז באַרעכ־טיקט צו פינף דאלאר, די סומע וואָס זי האָט באַצאָלט פאַר דער טעלעגראַמע און פאַר איר באַמיאונג צו גיין אין אָפיס שיקן עס. דאָס הייסט, דער דזשאַדזש האָט געפונען די טענות פון דער קאָמפּאַני אַלס גערעכט. די קייס איז אַפּעלירט געוואָרן פון דער קלעגערין. אָבער דער העכערער קאָורט האָט גוטגעהייסן די אַנטשיידונג און די האַפנונג פון מיס דאלי קעסטעלס איז נאָכאַמאָל צערונען געוואָרן.

# אַ טרענספּער מיט צרות

פרענק אָסבאָרן איז ארויף אויף א קאַר און האָט באַצאָלט זיין ניקל. אויף זיין פאַרלאַנג האָט דער קאנדוקטאר אים געגעבן אַ טרענספער פאַר אַ קראָסטאַון קאַר. דאָס איז געווען אַרום עלף אַזייגער אין אָוונט. דער טרענספער איז געווען געפּאָנטשט 10, דאָס הייסט מען קען אים בלויז נוצן ביז 10 זייגער און ניט שפּעטער. אָסבאָרן האָט דאָס ניט באַמערקט. ווער שטעלט זיך אַוועק עקזאַמינירן אַ טרענספער? ווען ער איז אַרויף אויף דער נעקסטער קאַר האָט יענער קאָנדוקטאר ניט געוואָלט נעמען דעם טרענספער, ווייל עס איז געווען נאָך דער צייט, וואָס איז געפּאָנטשט אויף אים. אָסבאָרן האָט געמוזט באַצאָלן נאָך אַמאָל קאַר־פעיר.

פרענק אָסבאָרן איז אָבער ניט פון די מענטשן וואָס מען קריגט צוויי פאַר אַ גראָשן. וואָס הייסט עס, די קאַר קאמפאַני זאָל אים באַשווינדלען? ער איז אוועק און האָט פארקלאָגט די קאָמפאני פאַר איבערטרעטן דעם געזעץ. קאַר קאָמפּאַניס מוזן געבן טרענספערס. און געבן טרענספערס מיינט גוטע טרענספערס און ניט קיין געבלאָפטע.

אין קאָורט איז די קלאגע געפונען געוואָרן באַגרינדעט. די קייס איז אפּעלירט געוואָרן און איז דערגאנגען צו דעם העכסטן קאָורט אין סטייט, דער קאָורט אָוו אַפּיעלס. דאָרטן איז די קלאַגע פאַרוואָרפן געוואָרן. לויט דער אַנטשיידונג, האָט די קאָמפאני ניט פאַרבראָכן דעם געזעץ. זי דארף געבן אַ טרענספער — נו, גיט זי אַ טרענספער. אַי דער טרענספער טויג אויף כפרות? טאָ זאָל יעדער האַלטן זיינע אויגן אָפן און זען ווי עס איז געפּאָנטשט.

# רחמנות אנשטאט געזעץ

מרס. קאַלאַהאַן איז פֿאַרקלאָגט געוואָרן פֿון איר מאַן אויף אַ גט. זיי זיינען שוין פֿאַרהייראַט אַ היפּשע צייט און האָבן אַ פּאָר קינדער. זייער פֿאַמיליען־לעבן איז צעשטערט געוואָרן.

דער מאַן האָט באַשלאָסן דאָס ער קען מער מיט איר ניט לעבן צוזאַמען. זיין זעלבסט־רעספּעקט האָט ניט געקענט דערלאָזן דאָס ער זאָל מוזן פֿאַרבלייבן דער מאַן פֿון אַזאַ פֿרוי. קענטיק אַז ער האָט געהאַט אַ שווערן קאַמף מיט זיך אַליין, איידער ער האָט געפֿאַסט זיין באַשלוס צו שיידן זיך מיט דער מוטער פֿון זיינע קינדער.

דער גט־פּראָצעס איז נאָך ניט פֿאַרגעקומען. דערוויל זיינען די קינדער ביים פֿאָטער, ווייל עס פּירט זיך געוויינלעך, דאָס ווען אַ פֿרוי פּירט זיך אויף ניט שיין, ווערן די קינדער ניט געגעבן צו איר, נאָר צום פֿאָטער, אויב ער פֿאַרלאַנגט עס אין קאָורט.

די אָנגעקלאָגטע האָט מיט דער צייט גענומען בענקען נאָך אירע קינדער. די מוטערלעכע געפֿילן האָבן איר אינגאַנצן דורכגענומען און זי האָט פֿאַרלאַנגט צו האָבן די פּריווילעגיע צו קענען זען די קינדער. דער געדאַנק דאָס זי טאָר גאָר ניט קומען צו אירע קינדער האָט, קענטיק, איר געוויטאָקט. זי האָט געמאַכט פֿאַרזוכן צוצוקומען צו זיי, נאָר דער מאַן אירער האָט עס ניט דערלאָזן.

קיין גרויסן חשק צו קומען אין קאָורט מיט אַ ביטע וועגן דעם האָט זי ניט געהאַט, ווייל אין קאָורט איז זי דאָך אייגנטלעך די פֿאַרקלאָגטע. דער מאַמעס האַרץ האָט אָבער גובר געווען און זי האָט זיך פֿאָרט געווענדעט אין קאָורט, דערקלערנדיק פּשוט דאָס זי וויל האָבן דערלויבעניש צו באַזוכן די קינדער אירע. זי האָט גע׳טענה׳ט צום דזשאַדזש אומגעפֿער אַזוי: „זאָל זיין איך בין אַלץ וואָס מיין

מאַן זאָגט אויף מיר. אַ מאַמע בין איך דאָך צו מיינע קינדער; און איך וויל זיי אַמאָל אין אַ נאָווינע האָבן מיט זיך, כאָטש קוקן אויף זיי".

פראָסטע ווערטער, דוכט זיך, אָבער רירנדע. און זיי האָבן טאַקע געווירקט אויף דעם דזשאָדזש.

ער האָט נעמלעך אַנטשיידט, דאָס מרס. קאַלאַהאַן זאָל מעגן וויזיטן אירע קינדער אַלע צוויי טעג, צו צוויי שטונדן א וויזיט. נאַטירלעך, האָט עס דער דזשאָדזש געטאָן אויס רחמנות, ניט לויט דעם שטרענגן געזעץ.

אַ מאַמעס האַרץ האָט דאָך פיל צו זאָגן.

# אַלץ הייסט אומגליק

די געשיכטע דערפון איז אַזוי: מרס. מאַרטשעזין האָלט אַ באָרדינג הויז און האָט שוין אַ לאַנגע דערפאַרונג אין דעם. מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז צו איר געקומען איינער אַ מר. וואַן־האַכמאַן און געזאָגט דאָס ער וויל אָנקומען צו איר אַלס אַ באָרדער. ער האָט אָבער מיט זיך גוטע פּוירניטשור און וויל דערמיט אַריינ־מופן צו איר. די באַלעבאָסטע איז געווען צופרידן דערפון און אין גיכן איז וואַן־האַכמאַן געוואָרן איר באָרדער.

ער האָט זיך גלייך גענומען פירן אויפן ברייטן שטייגער, כיד המלך. עסן און טרינקען האָט ער ביי זיין באַלעבאָסטע געהאַט פון דאָס בעסטע און דאָס שענסטע. זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פאַר־מעגלעכן מאַן און האָט געוואוסט, דאָס מען דאַרף אים צוזען. און ער האָט זיך טאַקע ניט געלאָזט קיין סך בעטן און האָט געלעבט ווי גאָט אין אדעס. ער האָט זיך געלאָזן וואוילגיין.

די ערשטע צייט האָט ער פאַר אַלעס גוט באַצאָלט. שפּעטער אָבער האָט ער געקראָגן אַ קורצן זכרון. איין וואָך פאַרגעסן צו באַ־צאָלן. די צווייטע און די דריטע וואָך אויך ניט באַצאָלט, און ער לעבט דערווייל אין רחבות. די מיסעס האָט צו אים געהאַט צוטרויען. שרעקן זיך פאַר אים דאַרף זי דאָך ניט, ווייל אין ערגסטן פאַל האָט זי דאָך זיינע פּוירניטשור. ער קען זיך דערמיט ניט אַרויס־גנב׳ענען פון איר, און די פּוירניטשור איז ווערט אַ גרויסע מטבעה. עס איז אַ גאַנצער אוצר. האָט זי אים אויף דעם רעכענונג געהאַדוועט מיט כל טוב.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען זיך אַרומגעזען דאָס וואַן־האַכמאַן, דער באָרדער, איז נעלם געוואָרן. ער איז געבליבן שולדיק אַ היפּש ביסל געלט. די פּוירניטשור האָט ער איבערגעלאָזן.

נאָר איידער די באַלעבאָסטע האָט געגוג צייט געהאַט אומצוקוקן זיך אויף די פּוירניטשור, איז אַראָפּגעקומען אַ מר. וואַן־לאַאר און האָט גענומען פאָדערן די פּוירניטשור. ער האָט איבערצייגט, דאָס

די פוירניטשור איז זיינע. גראדע האָט ער אויפגעגעבן זיין הויז אויף אַ באַשטימטע צייט און האָט געבעטן וואָן־האַכמאַנען, דעם באָרדער, וועלכער איז זיינער אַ באַקאַנטער, דאָס ער זאָל עס פאַר אים סטאָ־רעדזשן, און וואָן־האַכמאַן האָט עס אויף אַ שווינדלערישן אופן גע־בראַכט גאָר אין באָרדינג הויז. בקיצור, ער פאַרלאַנגט יעצט די פוירניטשור אַלס דער אמת׳ער אייגנטימער דערפון. שרייט אָבער די באַלעבאָסטע, דאָס זי איז דאָך זיכער אומשולדיק. זי וויל בלויז אַז מען זאָל איר באַצאָלן דעם חוב, ווייל קוקנדיק אויף דער פויר־ניטשור האָט זי אים אַזוי פיל געטרויט. וואָן־לאַאר האָט פון די טענות ניט געוואָלט וויסן און איז אַוועק אין קאָורט זוכן יושר.

דער קאָורט האָט ,אַנטשיידעט דאָס זי מוז די פוירניטשור אָפּגעבן. אי דער באָרדער איז איר געבליבן שולדיק געלט? טאָ זאָל זי גיין אים זוכן און אויפמאָנען עס.

# ווער זאָל קריגן די אינשורענס

מר. דוזיק האָט אַרויסגענומען אין דער מעטראָפּאָליטאַן אינ־שורענס קאָמפּאַני אַ פּאָליסי אויף אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר. ער האָט עס אָפּגעשריבן אויפן נאָמען פון זיין פרוי, מיני דוזיק, ווי אַ גע־טרייער מאַן דאַרף טאָן. די יונגע מאַן און ווייב האָבן זיך געלעבט רואיק און פרידלעך, ביז — נו, ביז די שוויגער האָט זיך אַריינגעמישט, ווי דער שטייגער איז. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַוועקגיין פון זיין יונגער ווייבל און שטיין מיט זיין מוטער, מרס. עמיליע דוזיק.

אַזעלכע זאַכן האָבן שטאַרק אויפגעבראַכט דער שנור. פלעגט מען זיך גאַנץ אָפּט קריגן. אַזוי איז דער בייז לעבן ביי דעם פּאָר פּאָלק געוואָקסן און דער מאַן איז אינגאַנצן אַוועק צו זיין מוטער, איבערלאָזנדיק זיין פרוי.

די אינשורענס פּאָליסי האָט מר. דוזיק גענאָמען מיט זיך. האָט ער זיך איבערגעדענקט, אַז אַזוי ווי ער לעבט ניט בשלום מיט זיין ווייבל וועט זיין אַ גרעסערע מצווה דאָס ער זאָל עס איבערשרייבן אויף זיין מאַמעס נאָמען. ער האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען און עס איז אים געלונגען דורכצופירן עס. זיין פרויס נאָמען איז פון דער פּאָליסי אַרויסגעוואָרפן געוואָרן און דער מאַמעס נאָמען האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ.

קורץ נאָכדעם איז ער קראַנק געוואָרן אויף קאָנסאָמפּשאָן. ער איז אָפּגעלעגן אין האָספּיטאַל אַ געוויסע צייט און איז געשטאָרבן. די מוטער האָט נאַטירלעך אַריינגעגעבן די פּאָליסי צוזאַמען מיט איר קליים צו דער קאָמפּאַני און פאַרלאַנגט די אינשורענס. די יונגע אלמנה האָט אָבער גלייך זיך געווענדט צום קאָורט צו פאַרווערן דער קאָמפּאַני פון צאָלן דער מוטער. זי האָט פאַרקלאָגט די קאָמפּאַני צוזאַמען מיט דער שוויגער.

דער קאָורט האָט אַנטשיידט צו גונסטן דער פרוי, די אלמנה. דער דזשאַדזש האָט דערקלערט, אַז דאָס וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט איבערגעשריבן די אינשורענס אויף זיין מוטערס נאָמען, האָט גאָר קיין באַדייטונג ניט. אַ מאַן קען ניט מאַכן צו גאָרנישט זיין פליכט צו זיין פרוי גלאַט אַזוי זיך, ווייל ער גלייכט דער מאַמען בעסער. די אינשורענס האָט ער גענומען צו באַזאָרגן זיין פרוי, דאַרף עס אַזוי זיין.

# אַ צוואה

מרס. מעקגיל האָט אָנגעשריבן אַ צוואה אָפּגעבנדיק דעם גאַנצן פאַרמעגן אירן צו אַ פּאָר באַקאַנטע. קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט. זי האָט אָבער געהאַט קרובים אין איר פאַמיליע. פאַר זיי האָט זי גאָר ניט איבערגעלאָזן. קענטיק אַז די צוואה האָט זי געמאַכט אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון אימיצן. אַלענפאַלס האָט זי דערצו ניט געשאָנקען קיין גרויס אויפמערקזאַמקייט, ווייל זי איז געווען געזונט און האָט זיך נאָך ניט געריכט צו שטאַרבן אַזוי גיך. די צוואה איז געלעגן ביים באַקאַנטן וואָס האָט געזאָלט דערפון רייך ווערן.

זי איז קראַנק געוואָרן. זי האָט זיך גלייך דערמאָנט ווי זי האָט באַ׳עוולה׳ט איר פאַמיליע. האָט זי אַליין אָנגעשריבן אַ בריוו צום באַקאַנטן, וואָס האָט די צוואה געהאַט און געבעטן אים ער זאָל עס צערייסן, זי וויל עס ניט. יענער האָט עס ניט צעריסן. אינגיכן איז די פרוי געשטאָרבן און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ תּתונה מיט דער צוואה אין קאָורט. די פאַמיליע אירע האָט אַלץ באַוויזן געגנוי און עס איז ניט געווען קיין צווייפל אין דעם.

דאָך האָט די פאַמיליע פאַרלאָרן. די פרעמדע „באַקאַנטע" האָבן באַקומען דעם גאַנצן פאַרמעגן. די צוואה איז דערקלערט געוואָרן געזעצלעך און בינדנד. איר בריוו, אין וועלכן זי האָט אויסגעדריקט איר חרטה, איז גאָר ניט ווערט. אומצואוואַרפן אַ צוואה דאַרף מען דורכמאַכן געוויסע געזעצלעכע פאָרמאַליטעטן, און זי האָט עס ניט געטאָן. אַי זי האָט דאָך דייטלעך דערקלערט, דאָס די צוואה איז שוין מער ניט אין איינקלאַנג מיט איר וואונטש? נו, בלייבט אַ קשיא.

פאַרלאַנגען זיינען איין זאַך און געזעץ איז זיך אַן אַנדער זאַך...

# אַ מוטערס טרערן

מרס. ראַדעק איז אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענער אידישער פאַ־ מיליע. אירע עלטערן האָבן אַן אייגן הויז און זיינען פאַרמעגלעכע מענטשן.

בעת זי האָט געהייראַט מיט מר. ראַדעק, זיינען איר עלטערן געווען קעגן דעם שידוך, ווייל דאָס פּאָרל איז גאָר ניט צוגעפּאַסט איינע צו די אַנדערע. דאָס קען מען זען גלייך אויפן קוק. ער, מר. ראַדעק, זעט אויס פּראָסט און דערצו נאָך ביִיז. ער איז באַשעפטיקט ביי אייזן אַרבעט און זיין אויסדרוק אויפן פּנים איז אויך ווי פון אַ שטיק אייזן. זי, די פרוי זיינע, שיינט צו זיין צאַרט־פילנד, מילד און סימפּאַטיש.

ניט קיין גלייכע פּאָרל.

נאָר וואָס איז די פּעולה וואָס אירע עלטערן האָבן אים ניט גע־ וואָלט? זי איז געווען אין אים פאַרליבט. און ליבע מיט שכל גייען ניט אַלעמאָל האַנט אין האַנט. עס האָט ניט געהאָלפן קיין חכמות און זי איז מיט מזל געוואָרן מר. ראַדעקס פרוי. דערמיט ענדיקט זיך דער ערשטער קאַפּיטל פון דער געשיכטע.

איצט קומט קאַפּיטל נומער צוויי.

עס האָט ניט גענומען זייער לאַנג נאָך דער חתונה און זיי האָבן אויסגעפונען זייער טעות. זיי האָבן ניט געקענט שטימען. די פרוי האָט דערווייל געבוירן אַ קינד, אַ אינגעלע. און כאָטש ביידע, דער טאַטע און די מאַמע, האָבן זייער ליב געהאַט דאָס קינד, האָט עס זייער לעבן צווישן זיך פיל ניט פאַרבעסערט.

פון צייט צו צייט פלעגט דער מאַן פאַרלאָזן איר מיטן קינד. ער האָט איר סופּאָרטעט אויף אַ קלעגלעכן אופן און די אַנטוישטע מרס. ראַדעק האָט זיך גענוג אָנגעליטן. צו איר פאַמיליע אין ברוקלין האָט זי אָבער ניט געוואָלט צוריקגיין. מסתמא האָט זי זיך געשעמט צו דערציילן זיי פון איר דאָליע. זי האָט זיך געשטיקט מיט אירע צרות.

אַז דער מאַן איז ווידער אַוועק פון איר, האָט זי אָפּגעזוכט זיך אַ וואוינונג, ווייט פון איר פאַמיליע, און האָט דערנערט איר קינד אויף ווי ווייט מעגלעך. נאַטירלעך האָט זי זיך געפּלאָגט. זי האָט געהאַט כאָטש אַ שטיקל טרייסט פון איר קליינעם זון.

זי קומט איינמאָל אַריין אין הויז און דערוויסט זיך דאָס איר מאַן איז געווען און האָט צוגענומען דאָס קינד מיט זיך. זי האָט גלייך גענומען ליאַרעמען און מאַכן געוואַלדן, ווי איינער וואָס איז באַפאַלן געוואָרן פון רויבער. זי האָט אויפגערודערט אַ וועלט. זי האָט געאַקערט און געפּאָרשט ביז זי איז דערגאַנגען וואו איר מאַן געפינט זיך מיט איר קינד. און ניט קענענדיק קריגן דאָס קינד דורך אירע אייגענע כוחות איז זי אַוועק אין קאָורט. עס זיינען איר אויך געקומען צו הילף אירע עלטערן. זי האָט געבויגן איר שטאָלץ און האָט זיי אַלעס דערציילט. זי איז געווען פעסט אַנטשלאָסן צו קריגן איר קינד צוריק.

אין קאָורט האָט זי זיך פון אָנפאַנג פאַרהאַלטן גאַנץ רואיק. אָבער ווי נאָר מען האָט אָנגערירט אירע וואונדן, האָט זי זיך ביטער צעוויינט און האָט דערציילט דעם דזשאָדזש דעם גאַנצן אמת ווי אַזוי דער מאַן באַהאַנדלט איר.

„ער פלעגט מיר שטענדיק באַליידיקן, זידלען און שילטן. ער האָט ניט סופּאָרטעט מיר מיטן קינד, כאָטש ער האָט גענוג געלט".

זי האָט איינגעגראָבן איר פּנים אין די הענט: „מיין מאַן פלעגט מיך שרעקלעך שלאָגן, מיין לייב איז נאָך בלוי פון זיינע קלעפּ. איך האָב אַלץ אַריבערגעטראָגן געדולדיק. אָבער גיט מיר מיין קינד, מיין קינד! דאָס איז שוין צופיל! — איך וועל עס ניט אויסהאַלטן".

זי האָט גערעדט מיט אַ פאַרשטיקטן קול.

ביי אַלעמען אין קאָורט האָט זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן.

איר רחמנות־געבעט האָט געווירקט. דער דזשאָדזש האָט גע־אָרדערט אַז דאָס קינד מוז איר באַלד אָפּגעגעבן ווערן צוריק.

# „למהדרין מן המהדרין"

עס וואָלט גאָר ניט געווען קיין עוולה ווען אַלע דזשאָדזשעס זאָלן קענען די אידישע דינים.

אין ניו יאָרקער בראָנקס איז דאָ אַ דעליקאַטעסן סטאָר, אַ אי־דישע. אַ פּאָר יאָר איז די סטאָר געווען אַ ברענטש פון די היברו ניישאַנאַל וואורשט קאָמפּאַני, די באַקאַנטע אידישע דעליקאַטעסן ביז־נעס. די היברו ניישאַנאַל האָט איר סיין אויף די ווינדאָוס, וועלכע האָט אויך די ווערטער „למהדרין מן המהדרין". דאָס הייסט די פּראָ־דוקטן זיינען געמאַכט פון פרומע לייט פאַר פרומע לייט אמת כשר־דיק. שבת זיינען אַלע היברו ניישאַנאַל סטאָרס צוגעמאַכט.

די סטאָר אין בראָנקס האָט אויך געהאַט די סיינס אויפן ווינדאָו און איז געווען געשלאָסן שבת. דער אייגנטימער פון דער סטאָר האָט זיך אַרומגעזען דאָס עס וואָלט ניט געשאַדט צו האַלטן אָפן די סטאָר שבת אויך. ער האָט אויסגעפונען דאָס אידן דאַרפן שבת אויך עסן, זאָגט ער. שבת׳דיקע פּראָפיטן זיינען אויך גוטע געלט. וואָס נאָט?

די היברו ניישאַנאַל האָט אָבער פּראָטעסטירט קעגן דעם. האָט ער באַשלאָסן אינגאַנצן ניט האָבן צו טאָן מיט זיי און האָט אָפּגע־מעקט דאָס וואָרט „היברו" און אַרויפגעשטעלט „ראָיאַל", דאָס הייסט ראָיאַל ניישאַנאַל קאָמפּאַני. די ווערטער „למהדרין מן המהדרין" זיינען געבליבן אויף דער ווינדאָו ווי פריער. די פּראָדוקטן פאַר זיין סטאָר האָט ער געקויפט אויך פון אַנדערע קאָמפּאַניס.

האָט זיך די היברו ניישאַנאַל קאָמפּאַני געווענדט אין קאָורט נאָך אַן אינדזשאַנקשאַן. זיי ווילן פאַרווערן דעם סטאָרקיפּער פון נוצן די סיין, וואָס איז ענלעך צו זייער סיין. זיי טענה׳ן, דאָס די ווערטער „למהדרין מן המהדרין" ווערן באַנוצט אויף די סיינס אויס־שליסלעך פון זיי. דאָס שאַדט די היברו ניישאַנאַל אין זייער רעפּו־טאַציע און ספּעציעל דאַן ווען די סטאָר איז אָפן שבת, עטוואָס וואָס איז קעגן די פּירונגען פון די היברו ניישאַנאַל.

— ווארום האלטסטו דיין סטאָר אָפן אום שבת? — פרעגט דער דזשאָדזש דעם אייגנטימער.

— ווייל, פאַרשטייט איר מיך, מיינע קאָסטימער ווילן שבת אויך עסן — האָט ער גאַנץ פשוט געענטפערט.

— הייסט עס, דאָס זיי זיינען גאָר ניט קיין פרומע אידן?

— וואָס קען איך העלפן, אַז זייער אַפּעטיט צום עסן איז ביי זיי טייערער ווי זייער פרומקייט? — ענטפערט ער מיט אַ פראַגע.

די הויפּט צרות האָט דער דזשאָדזש אָבער געהאַט מיט די ווער־טער „למהדרין מן המהדרין״. די אידישע לאָיערס האָבן עס פרו־בירט איבערזעצן אין ענגליש, נאָר עס איז עפּעס ניט געגאַנגען. זיי האָבן געפּרואווט געבן דעם דזשאָדזש צו פאַרשטיין, דאָס עס הייסט אַז די פליייש איז זייער כשר, אפילו פאַר פרומע אידן.

— וואָס הייסט — פרעגט דער דזשאָדזש — איר האָט צווייערליי כשרות, פאַר עכט־פרומע און פאַר ניט זייער פרומע?

— ניין — מוטשען זיך די לאָיערס — אידן האָבן טאַקע ניט מער ווי איין סאָרט כשרות. נאָר גאָטספאַרכטיקע אידן זיינען מער אָפּגעהיט.

פאַרן גוי׳אישן ריכטער איז עס אָבער קיין תירוץ ניט געווען. „לויט מיין פאַרשטאַנד״, זאָגט ער, „איז עס אָדער יאָ כשר אָדער ניט כשר. קיין מיטן־וועג איז דאָ ניטאָ״ . . . גייט לערנט אַ גוי אידישקייט.

מען האָט דאַן געבראַכט אַ רב אין קאָורט. אַ רב מיט אַ יאַרמולקע, מיט אַ באָרד און פאות. מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויפן וויטנעס סטענד און מען האָט אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן. מיט זיינע ענטפערס האָט ער געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, אָבער דעם „למהדרין מן המהדרין״ האָט ער אַלץ ניט קלאָר געמאַכט.

קיין איינדזשאנקשאן האָט דער דזשאָדזש באַלד ניט אַרויסגעגעבן. ער האָט געזוכט איינעם וואָס זאָל אים דערקלערן דעם זינען פון די סודות׳דיקע ווערטער.

# אַ ראָמאַן

עס איז אַן אַלטער כלל דאָס עס איז נאָר שווער צו מאַכן דעם ערשטן פאַלשן שריט.

דער פאַמיליען־לעבן ביי די בריגס איז געווען ניט קיין זיסער. אורזאַכן דערפאַר זיינען נאַטירלעך געווען גענוג.

איין מאָל האָט זיך די מרס. בריגס באַקענט מיט אַ געוויסן מר. פאַי. ער איז געווען אַ יונגער פאַרהייראַטער מאַן, וועלכער האָט ניט געלעבט גוט מיט זיין פרוי. עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן צוויי מענטשן וואָס ליידן פון דערזעלבער צרה. זיי האָבן דאַן פאַרבראַכט און מיט אַ העפלעכער פריינדלעכקייט באַצויגן איינע צו די אַנדערע. פאַי האָט איר אָפּגעפירט אַהיים און זי האָט אים איינגעלאַדן צו באַזוכן איר, און ער האָט די איינלאַדונג ניט אַנטזאָגט.

פון דער באַגעגעניש איז זייער פריינטשאַפט געוואָרן אַלץ נע־ענטער און אינטימער. ער פלעגט איר רעגלמעסיק באַזוכן ביי איר אין הויז. איר מאַן האָט, פאַרשטייט זיך, דערפון ניט געוואוסט, ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיין פּראַקטיק אַלס לאָיער און איז קיין סך אין הויז ניט געווען. אין אַלגעמיין איז זי געווען פּיאַיק און האָט געוואוסט ווי צו האַלטן זיך פאַרבאָרגן מיט איר געהיימער ליבע.

די איינציקע זאַך וואָס האָט זיי געגעבן קאָפּ־דרייעניש איז געווען מאַנגל אין געלט. אום צו פירן לינקע ליבעס פאָדערט זיך אַ רייכע קעשענע. אַזוי זאָגן מבינים. פאַי איז געווען בלויז אַן אָנגעשטעלטער ביי דער פאַרמער לאָון און טראָסט קאָמפּאַני. זיין געהאַלט איז געווען 75 דאָלאַר אַ מאָנאַט. מיט דעם איז קוים מעגלעך די נשמה צו דערהאַלטן; אויף „זייטיקע" זאַכן האָט עס פאַי'ן ניט געסטייעט. און פאַי האָט גראַדע געוואוסט ווי מען קען ספּענדן געלט. עטלעכע יאָר פריער איז ער געווען אַ רייכער סטאָק בראָוקער. ער איז געבראָכן געוואָרן און האָט געמוזט אָנקומען צו אַרבעטן ביי יענעם, האָפנדיק אַריינצוגיין ווען ס'איז ווידער אין די סטאָק ביזנעס. אויך די מרס. בריגס האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ פּראַקטישע נוצן מען קען האָבן פון אַן איבעריקע פאָר סענט. בקיצור, קיין

לעסאָנס ווי צו ספּענדן געלט האָבן ביידע ניט געדאַרפט נעמען. אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט האָבן איז די אמת׳ע מזומנים.

איין מאָל, ביי אַ געלעגנהייט ווען פּאַי און די מרס. בריגס האָבן פאַרבראַכט און באַדויערט זייער ביטערע דאַליע, וואָס זיי זיינען קבצנים, האָט פּאַי איר דערקלערט, דאָס ער האָט אַ פּלאַן ווי צו ווערן שנעל רייך. ער איז אַנפאַרטרויט מיט גרויסע פינאַנציעלע אנגעלעגנהייטן ביי דער קאָמפּאַני וואו ער אַרבעט. דורך זיין האַנט גייט דורך אַ סך סטאָק און באנדס. און אַזוי ווי ער איז גוט געניט אין אַזעלכע זאַכן, וועט ער לייכט קענען פעלשן אונטערשריפטן אויף געוויסע פּאַפּירן און ער וועט קריגן געלט אין אַ באַנק אויף אַ פרעמדן נאָמען.

איר איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן. יע פעלשן אָדער ניט פעלשן — דאָס האָט איר ווייניק וואָס געקימערט. דער געדאַנק דאָס איר געהיימע ליבע וועט מער ניט זיין אָפּהענגיק פון געלט, האָט איר באַגייסטערט. מיט אַ רעכטער מטבעה וועלן זיי זיך מחיה זיין. זיי האָבן באַשלאָסן, דאָס אַזוי שנעל ווי זיי וועלן קומען צו זיך מיט די „לייכטע פאַרדינסטן״, וועלן זיי ביידע אַנטלויפן קיין קאַליפאָרניע און אַ לעב טאָן.

דערמוטיקט פון מרס. בריגס האָט זיך פּאַי אַ נעם געטאָן צו זיין סקים. דורך אַ געוויסן שווינדל האָט ער אַרויסגענאַרט פון אַ פּי־לאַדעלפיער פירמע הונדערט טויזנט דאָלאר קרעדיט אויף געפעל־שטע סטאָקס. עס פאַרשטייט זיך, דאָס זיי האָבן ביידע ממש די אויגן געעפנט מיט אַזאַ גליק. מרס. בריגס האָט פון אים גענומען אַרום פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאר און אַריינגעטראָגן אין אַ באַנק אויף איר נאָמען, אָנגעבנדיק זיך אַלס מרס. אָסטין. פּאַי האָט זיך אויך דערמאָנט אָן זיין אמת׳ער פרוי און האָט איר אויך געגעבן צוואַנציק טויזנט דאָלאר אַלס אַ „זיי־געזונט־פּרעזענט״.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט זיינען פּאַי און די מרס. בריגס געוואָרן אָפּטע באַזוכער פון די רייכע ניו יאָרקער האָטעלן. זיי פלעגן זיך רעגיסטרירן אַלס מאַן און פרוי. ער פלעגט איר נעמען פאַר דינער אין די שענסטע רעסטאָראַנען און זיי איז געווען וואויל ווי די וועלט. זיי האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע קיין קאַליפאָרניע.

אָבער ווערנד זיי האָבן אַזוי געהאַלטן אין מאַכן די לעצטע פאַר־בערייטונגען און זיינען זיך געזעסן געמיטלעך אין אַן אויטאָמאָביל אויפן וועג צו אַ האָטעל, איז פּאַי פּלוצלונג אַרעסטירט געוואָרן פון פילאַדעלפיער דעטעקטיווס. די באַשווינדלטע פירמע האָט זיך גע־

כאַפּט אויף פּאַי׳ס פּעלשונג און האָט אַנגעשטעלט דעטעקטיווס צו זוכן אים. ער איז אין גיכן אויסגעליפערט געוואָרן פון ניו יאָרק קיין פּענסילווייניע סטייט. מען האָט אים געשטעלט אונטער אַ שווע־רער קלאגע און ער איז געפונען געוואָרן שולדיק. ער האָט געקראָגן 10 יאָר פּריזאָן.

קורץ נאָכדעם איז אויך די מרס. בריגס אַרעסטירט געוואָרן. זי איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דזשייל אין ניו יאָרק. די קלאַגע קעגן איר איז געווען גנבה, דאָס הייסט זי האָט געהאָלפן פּאַי׳ן אין זיינע פאַרברעכערישע אונטערנעמונגען. עס זיינען אַנגעשטעלט גע־וואָרן פּראָמינענטע לאָיערס צו פאַרטיידיקן איר. אָבער אין די ני־דעריקע קאָורטס האָט מען גאָר ניט געקענט אויפטאָן. האָבן זיי זיך געווענדעט אין סופּרים קאָורט מיט אַ פאַרלאַנג, אַז זי זאָל באַפרייט ווערן. איר טענה איז באַשטאַנען אין דעם, דאָס אייגנטלעך איז זי דאָך קיין גנב׳טע ניט. אויב זי האָט מיט פּאַי׳ן געהאַט עטוואָס צו טאָן, איז עס געווען פּריוואַטע ליבעס־געשיכטעס, כשר׳ע אָדער טריפה. מיט דער קלאַגע קעגן איר האָט עס אַלץ ניט צו טאָן.

די קייס האָט זיך אַזוי געצויגן אַ לאַנגע צייט ביז עס איז דער־גאַנגען צו דעם העכסטן קאָורט פון סטייט. דאָרטן איז עס אַנטשידן געוואָרן, דאָס די קלאַגע פון גנבה קעגן איר איז גוט באַגרינדעט. עס איז ניט וויכטיק וואָס זי האָט אַליין ניט גע׳גנב׳עט. זי האָט אנטייל גענומען אין פּאַי׳ס פּלענער און האָט אים נאָך געהאָלפן צו דע־פּאָזיטן די געלט אין באַנק.

אָט דאָס האָט זיך אויסגעלאָזן פון דער ליבקער ליבע, אויף וואָס מרס. בריגס האָט אַזוי פיל האָפענונג געלייגט. פאַרברעכן, סקאַנדאַלן, דערנידעריקונג און פּריזאָן אַלס אַ צוגאָב.

די קייס קלינגט ווי אַ ראָמאַן, אָבער צו וואָס ראָמאַנען, ווען דער לעבן איז דער בעסטער ראָמאַן.

# צווי פּאָעטן

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם פּאָפּולערן לידל „אַי דאָנט וואָנט טו געט וועל" (איך וויל ניט געזונט ווערן). דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. עס איז באַקאַנט געוואָרן צום עולם אין דער ערשטער צייט פון אונדזער אַריינטריט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן לאַנד מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ.

דאָס ליד שטעלט מיט זיך פאָר אַ סאָלדאַט, וואָס איז אין שלאַכט פאַרוואונדעט געוואָרן, און ליגט אין האָספּיטאַל. ער ווערט באַדינט פון אַ נוירס, איז זי אַ שיינע מיידל, ווי די מאָדע איז. דער קראַנ־קער סאָלדאַט ווערט אין דער נוירס שטערבלעך פאַרליבט און וואָלט וועלן שטענדיק זיין מיט איר אין האָספּיטאַל. ער האָט אָבער מורא אַז ער וועט נאָך חלילה געזונט ווערן און ער וועט מוזן פאַרלאָזן דעם האָספּיטאַל און אויך איבערלאָזן זיין שיינע נוירס. ליגט ער און זינגט, אָדער רעדט צו זיך אַליין דאָס ער וויל ניט געזונט ווערן. געזונט, קראַנק — דאָס גייט אים איבערהויפּט ניט אָן. ער וויל זיין ביי זיין „נוירס". אָט דאָס איז כמעט דער גאַנצער אינהאַלט פונם ליד. עס איז געשריבן האַרציק און איינפאַך, און די מוזיק דערפון איז אויך ניט שלעכט. און ווייל עס איז דערשינען אין דער צייט ווען דער עולם האָט זיך ערשט גענומען צוגעוואוינען צו סאָלדאַטן, האָספּיטאַלס, נוירסעס, פאַרוואונדעטע און אַלע אַנדערע מלחמה־געדאַנקען, האָט דאָס ליד, אַלס אַ פאָלקס־לידל, געמאַכט אַ „היט".

אויף ווי ווייט עס איז געווען באַקאַנט, איז דאָס ליד געווען פאַר־פאַסט פון הערריי פּיעז און אַרויסגעגעבן פון לעאָ פייסט קאָמפּאַני. איז אָבער געקומען איינער טהאָמאַס קענעדי און האָט געקליימט, דאָס ער איז גאָר דער אמת׳ער פאַרפאַסער פון ליד. ער האָט פאַר־לאַנגט פון די פּאַבלישערס זיי זאָלן אים געבן אַ טייל פון די פּראָ־פיטן, וואָס זיי מאַכן פון פאַרקויפן עס. און די פּראָפיטן זיינען גראָדע געווען גאַנץ גרויס. די פּאַבלישערס האָבן פון קענעדי׳ס קליים ניט געוואָלט וויסן. איז ער אַוועק מיט זיין שוועער האַרץ אין קאָורט.

זיין געשיכטע איז אַזאַ: ער איז געפאַלן אויף דעם געדאַנק צו

שרייבן דאָס ליד. די אידייע, דער אינהאַלט און דער צוזאַמענשטעל דערפֿון זײַנען אײַנגאַנצן זײַנע. ער האָט עס אָבער ניט געהאַט אויסגעאַרבעט נאָך צו האָבן עס פֿאַרטיק. ער האָט צו דערזעלבער צייט געטראָפֿן העררי פּיעז, דעם „פֿאַלשן" פּראָפֿעסאָר, מיט וועמען ער איז שטענדיק געווען באַפֿרײַנדעט. ער האָט אים דערציילט פֿון זײַן פּלאַן צו פֿאַרפֿאַסן דאָס ליד. נאַטירלעך האָט ער אים אַלץ איבערגעגעבן. ער האָט ניט געגלויבט, דאָס ער דאַרף זיך היטן פֿון זײַן פֿרײַנט פּיעז'ן. אין אַ קורצע צייט שפּעטער האָט קענעדי זיך דערוואוסט, דאָס פּיעז, זײַן פֿרײַנט, האָט אים אָפּגעטאָן אויף טערקיש. ער האָט אַליין פֿאַרפֿאַרטיקט דאָס ליד און פֿאַרקויפֿט עס צו די פּאָבלישערס, וועלכע האָבן צוגעפּאַסט די מוזיק דערפֿאַר און אַרויסגעגעבן אין דער ברייטער וועלט. קענעדי באַהויפּטעט דעריבער, דאָס עס איז זײַן אייגנטום.

די פּאָבלישערס האָבן גע'טענה'ט, דאָס זיי קענען ניט קענעדי'ן. זיי ווייסן בלויז פֿון פּיעז'ן, וועלכער האָט דאָס ליד געשריבן און פֿאַרקויפֿט צו זיי. זיי זײַנען ניט מחויב צו וויסן וואָס קענעדי האָט געהאַט אין זינען צו שרייבן, אויב עס איז אפֿילו אמת, וואָס ער זאָגט. אגב, ווער גלויבט עס אים גאָר אינגאַנצן? מאַלע וואָס איינער שרייט „אני שלמה"?

די קייס איז פֿאַרגעקומען פֿאַר דזשאַדזש לעהמאַן אין סופּרים קאָורט. ער האָט אַנטשידן, דאָס די קלאַגע, אַזוי ווי זי איז פֿון קענעדי'ן אַרײַנגעבראַכט געוואָרן, קען ניט גוטגעהייסן ווערן. צו זאָגן סתם אַזוי זיך דאָס דער געדאַנק פֿון ליד איז ביי אים „געבאָרן געוואָרן", איז ניט גענוג. אין דער וועלט פֿון פּאָעטן האָט עס פֿיי־לייכט אַ באַדייטונג, אין קאָורט אָבער איז עס קיין שמעק טאַבאַק ניט ווערט. יעדער איינער קען האָבן בריליאַנטענע געדאַנקען. דער וואָס אַרבעט עס אויס פֿאַלקאָם איז באַרעכטיקט דערצו געזעצלעך. איבעריקנס, ווי קען מען גאָר איבערצייגן, דאָס פּיעז האָט פֿאַרפֿאַסט דאָס ליד שטיצנדיק זיך אויף קענעדי'ס אידייע?

די קלאַגע איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן. פֿאַר קענעדי'ן, דעם פּאָעט, איז דער קאָורט געווען צו פּראָזאַאיש.

## טאַקע אַ גלח, אָבער . . .

די נייפּערטס זיינען שוין ניט קיין יונגע פּאָרל. דער מאַן זעט אויס צו זיין אַרום 45 יאָר אַלט און די פרוי איז שוין אויך אַריבער 40. זיי האָבן צוויי קינדער, אַ מיידל פון אַ יאָר 17 און אַ באַי פון אַ 14 יאָר. זיי זיינען פאַרמעגלעכע לייט. מרס. נייפּערט קומט פון אַ רייכער פאַמיליע. פון צייט צו צייט פלעגט זי מאַכן פאַרשידענע לוסט־רייזעס און האָט זיך איבערהויפּט געלאָזט וואוילגיין.

מר. נייפּערט איז אַ גלח אין אַ גרויסער קירכע. ער איז אַן אָנגעזעענער מענטש אין דער וועלט פון רעליגיע און טשוירטשעס. מיט גאָט איז ער גאָר ווי אַנדערע צוויי. ווי מען קען זען זיינען זיי ביידע, מר. נייפּערט און מרס. נייפּערט, ניט אַבי ווער. זיי זיינען טאַקע די אויבערשטע פון שטויסל אין דער געזעלשאַפט.

נאָר וואָס איז די פּעולה פון די אַלע מעלות? מען קען זיך זיין גרויס און הייליק, אָבער זינדיקן קען מען ווי פּראָסטע מענטשעלעך.

און אָט איז וואָס מרס. נייפּערט דערציילט וועגן איר געטלעכן מאַן: שוין אַ היפּשע פּאָר יאָר ווי דער גליק האָט זיך אָפּגעטאָן פון זייער פאַמיליען־לעבן. זייער אָפט פלעגן זיי זיין צעשיידט, און ווידער צוזאַמענקומען זיך אויף אַ קורצער צייט און דאַן נאָכאַמאָל פאַנאַנדערגיין זיך. דער מאַן איז ניט געטריי צו איר.

לעצטנס האָט זי זיך דערוואוסט, דאָס איר מאַן לעבט מיט אַן אַנדער פרוי. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ געווויסע מיס קופּער, וועלכע האָט זיך געלערנט אַלס אַ נוירס אין ניו יאָרק. זי, די מרס. נייפּערט, איז גראָדע דאַן געווען אַוועקגעפאָרן און האָט ניט געוואוסט פון קיין זאַך ביז זי איז צוריקגעקומען. דאַן איז זי דערגאַנגען דאָס די מיס קופּער האָט פּשוט פאַרנומען איר פּלאַץ אין דערהיים. מר. נייפּערט האָט איר אַריינגענומען אין הויז אַלס אַ נוירס פאַר זיך. ער איז פּלוצלונג „קראַנק" געוואָרן און האָט זיך געצוויטיקט אין אַ נוירס. די מיס קופּער איז געווען אַנגעשטעלט ביי אַ געוויסן דאָקטאָר פרידמאַן. די נייפּערטס האָבן געוואוינט אין אַן אַנדער געגנט. אָבער אַז מען דאַרף אַ „נוירס", איז דאָך קיין

פראַגע ניט. האָט מר. נייפערט גענומען האַק און פּאַק מיט די צוויי קינדער און האָט אַריינגעמופּט אין דערזעלבער הויז אויף אַ העכערן פלאָר און אָפּגעגעבן אַ באַזונדערע רום דער נוירס. עס האָט געהייסן, דאָס זי וואוינט ביי אים אַלס באַרדערקע, אום זי זאָל האָבן דעם דאָקטארס אָפּיס ביי דער האַנט, און צו דערזעלבער צייט זאָל זי קענען אָטענדן צו מר. נייפערט אַלס פּאַציענט.

נו, געוויס, וואָס טוט מען ניט צוליב געזונט? . . .

מיס קופּער איז אַ פאַרהייראַטע פרוי פון אַ יאָר 34. זי איז געשידן פון איר מאַן. זי קומט פון קאָלאָראַדא סטייט. זי איז אַ שיינע, לעבעדיקע, יונגע ווייבל און אַנטזאָגט זיך ניט חלילה פון אַ גוט טיים. זי איז אויף דער וועלט ניט ברוגז און האָט ניט צו טאָן שטענדיק מיט הימלישע רעיונות. און לויט ווי מרס. נייפערט באַהויפּטעט, האָט דער געטלעכער מר. נייפערט גאָר ניט שלעכט פאַרבראַכט מיט מיס קופּער, ווייט ניט ווי אַ פּאַציענט מיט אַ נוירס.

מר. נייפערט האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייקנט. ער זאָגט, דאָס מיס קופּער האָט אים בלויז באַהאַנדלט אַלס נוירס און ניט מער. און טאָמער פלעגט ער אַמאָל אויסגיין מיט איר אין די אָוונטן, האָט ער עס געטאָן אָן שלעכטע אבזיכטן. קיין גרויס ליבע פאַר זיין פרוי האָט ער טאַקע ניט. דאָס איז אמת. אָבער אויף קיין שלעכטן וועג איז ער ניט געגאַנגען. נאָך מער, ער באַהויפּטעט, דאָס זיין פרוי, די קלעגערין, איז די זינדיקע. זי סמוקט, שפּילט אין קאָרטן און פירט זיך ניט אויף ווי אַ גאָטספאָרכטיקע פרוי דאַרף זיך אויפפירן.

אויפן טרייעל זיינען די קינדער זייערע אויפגעטראָטן אַלס עדות קעגן פאָטער. זיי האָבן דערציילט פון די אינטימע פאַרהעלטענישן וואָס ער האָט געהאַט מיט דער „נוירס", און ווי אַזוי זיי, די קינדער, האָבן געהאַט פון איר אַ סך אויסצושטיין. דער באָי האָט זיך צעוויינט אויפן וויטנעס-סטענד.

דער דזשאָדזש האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין אַנטשיידונג גלייך נאָך דעם טרייעל. שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן דאָס דער פרויס קלאגע איז צוריקגעוויזן און דער פאַרלאַנגטער גט ווערט איר ניט באַוויליקט. דער ריכטער האָט איינפאַך דערקלערט, דאָס די באַווייזע קעגן מאַן זיינען ניט גענוגנד. מאַלע וואָס ער האָט אַמאָל פאַרבראַכט מיט דער נוירס! דאָס איז ניט שרעקלעך. אום אַרויסצוגעבן אַ גט מוז מען האָבן בעסערע באַווייזן. מיט אַ גט טאָר מען זיך ניט וואָרפן אַזוי לייכט.

# ג י פ ט

אַן אינטערעסאַנטע קייס איז פאַרגעקומען אין דעם סוירקוט קאָורט אָוו אַפּיעלס אין ניו יאָרק. עס איז פאַרהאַנדלט געוואָרן אַן אַפּיעל פון איזידאָר וואָרקין און העגרי מייערס, וועלכע זיינען ביידע געפונען געוואָרן שולדיק אין האַנדלען מיט אָפּיום און ענלעכע זאַכן.

וואָרקין און מייערס האָבן געהאַט אַ דראַג סטאָר. אויפן קוק האָט עס אויסגעזען אַ דראַג סטאָר ווי אַלע דראַג סטאָרס. באַטעלס מיט מעדיצין, דזשאַרס מיט כעמישע אַרטיקלען און אַלע אַנדערע „קרייטיכער" וואָס באַפּוצן די ווענט פון אַ דראַג סטאָר.

אין די בעק פון דראַג סטאָר איז געווען אַ קליינער אָפיס, אַ דאָקטאָרס אָפּיס. דאָרטן איז געווען אַ סיין פון אַ דאָקטאָר און עס איז געווען אויסגעפּוירנישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. פריער איז דאָרטן געווען אַ געוויסער דר. קאַריש. שפּעטער האָט דעם פּלאַץ פאַרנומען אַ דר. בוטה.

ווען אַ קאָסטימער פלעגט אַריינגיין אין דראַג סטאָר פלעגט מען אים קודם אָפּשיקן אין די בעק צו „אונדזער דאָקטאָר", וואו ער האָט געקראָגן אַ פּאַפּירעלע, כלומרשט אַ „פּרעסקריפּשאַן". דאַן איז ער דערמיט צוריק אַריין אין דראַג סטאָר און האָט געקראָגן דאָס וואָס ער האָט געדאַרפט און איז אַוועק. נאַטירלעך האָט עס אויס־געזען אַלץ גלאַט און כשר. שכנים האָבן אפילו באַמערקט דאָס דער קלאַס קאָסטימער וואָס גייען אין דעם דראַג סטאָר איז עפּעס אַ מאָדנער. זיי זעען אויס עטוואָס שכור'לעך, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, געלע פּנים'ער און סתם צערודערט און צעדולט, נאָר מאַלע וואָס עס דוכט זיך!

עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט אויסגעפונען, דאָס די דראַג סטאָר איז אין דער אמת'ן אַ מאַרקעט פון מאָרפין, קאָקעין און די איבעריקע גיפטיקע אַרטיקלען מיט וואָס מען פאַר'שכור'ט זיך. עס האָט געהייסן, דאָס די דראַגיסטן פון דעם פּלאַץ האָבן פאַרקויפט די פאַרבאָטענע זאַכן בלויז אויף אַ „פּרעסקריפּשאַן" פון אַ דאָקטאָר. דאָס איז געזעצלעך. אָבער וואַרטן אויף אַ „פּרעס־

קריפּשאָן״ פון אַ פּרעמדן דאָקטאָר לוינט זיך ניט. האָבן וואַרקין און מייערס אַריינגענומען אַן אייגענעם „דאָקטאָר״ מיט אַן אָפּיס טאַקע אין דראַג סטאָר און האָבן געמאַכט גאָלדענע ביזנעס פון די פּייק פּרעסקריפּשאַנס. דער דאָקטאָר מיט די דראָגיסטן זיינען געווען פּאַרטנערס אין די ביזנעס און עס איז געגאַנגען ווי געשמירט. דער פּלאַץ איז געוואָרן אַ מין העדקוואָדערס פון דער אונטערוועלט וואָס קאָרמעט זיך מיט די אַלע גיפטן.

וואַרקין און מייערס זיינען שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן. עס איז געווען אַ טרייעל און זיי זיינען ביידע געפונען געוואָרן שולדיק. וואַרקין האָט געקראָגן אַ יאָר פּריזאָן און 1000 דאָלאַר שטראָף און מייערס איז פּאַראורטיילט געוואָרן צו צוויי יאָר פּריזאָן. זיי האָבן דאַן אַפּעלירט צו דעם העכערן קאָורט. זייער טענה איז געווען, אַז זיי האָבן קיין פאַרברעכן ניט באַגאַנגען. אויף אַ „פּרעסקריפּשאַן״ פון אַ דאָקטאָר מעג דאָך אַ דראָגיסט פאַרקויפן די אַרטיקלען. און זיי האָבן טאַקע אַזוי געטאָן. אַי דער דאָקטאָר איז געווען אַן אָנ־געשטעלטער? נו, טאָ וואָס איז דער אונטערשייד ווער דער דאָקטאָר איז, און וואו ער האָט זיין אָפּיס? אַ דאָקטאָר איז אַ דאָקטאָר, און גאָר.

דער קאָורט האָט אָבער פון אַזעלכע דריידלעך ניט געוואָלט וויסן. „איר האָט געפירט אַ שווידערלעכן נעסט פון גיפט״, האָט דער קאָורט זיי געזאָגט.

# דער נצחון פון אַ פּיאַנאָ

ביי אַ נאַש־בראַט איז אַ פּיאַנאָ אַ וואוילע זאַך, אויב מען קען נאָר אויף דעם שפּילן און ניט צימבלען. ביי קינסטלער איז עס אָבער אַנדערש. פאַר זיי איז אַ פּיאַנאָ אַ צו ביליקער אַרטיקל. אום צו־פרידנצושטעלן זייער אַרטיסטישן געשמאַק מוז מען האָבן אַ מער ווירדיקע זאַך ווי אַ פּיאַנאָ.

אַט האָט עלסי לייאַן, אַ באַרימטע זינגערין, געמאַכט אַ קאָנ־טראַקט מיט דער סטאַר פּיאַנאָ קאָמפּאַני אַריינצוזינגען אין זייער פאָנאָגראַף. דאָס הייסט, זי האָט געדאַרפט זינגען, און איר געזאַנג האָט געזאָלט אַרונטערגענומען ווערן אויף רעקאָרדס פאַר פאָנאָגראַפס וואָס ווערן באַנוצט פון דעם גרויסן עולם. ביים מאַכן דעם קאָנטראַקט איז פאַרשטאַנען געוואָרן, דאָס מיס לייאַן דאַרף אַקאָמפּאַנירט ווערן פון אַן אָרקעסטער. אַ זיסע שטימע מיט אַ גוטן אָרקעסטער איז זייער אַ גוטער שידוך, זאָגן קאָנצערטיסטן.

עלסי איז צוגעטראָטן צו איר קינסטלערישער אַרבעט. זי האָט געזונגען צוזאַמען מיטן אָרקעסטער. אָבער אַז עס איז געקומען צו די רעקאָרדס איז פון איר זיסער שטימע גאָר ניט געוואָרן. זי איז געווען צו שוואַך פאַרן אָרקעסטער. די רעקאָרדס זיינען געווען גאָר לא־עליכם׳דיק. אַזוי באַהויפּטעט די קאָמפּאַני, וועלכע האָט איר אָנגעשטעלט. די קאָמפּאַני האָט איר דאַן געהייסן זינגען, אַקאָמפּאַ־נירט פון דער פּיאַנאָ. עס וואָלט אַרויסגעקומען פיל בעסער, האָט דער מענעדזשער געזאָגט.

דער פאָרשלאַג איז פון עלסי לייאַן צוריקגעוויזן געוואָרן. פאַר איר איז עס געווען אַ גרויסע באַליידיקונג. פון אַן אָרקעסטער אומ־צובייטן אויף אַ פּיאַנאָ, איז פּשוט אַ דערנידעריקונג, האָט זי דערקלערט. דורך דעם איז דער קאָנטראַקט, וואָס זי האָט געמאַכט מיט דער קאָמפּאַני, געבראָכן געוואָרן. די קאָמפּאַני האָט איר מער ניט גע־וואָלט האָבן און עלסי איז געבליבן אויף אַ געוויסע צייט אויסער „אַרבעט״.

האָט זי אַריינגעבראַכט אַ קלאַגע אויף דעמעדזשעס קעגן דער

קאָמפּאַני אין קאָורט. די דזשורי האָט געפונען צו גונסטן דער קלעגערין, כאָטש דעמעדזשעס איז באַשטימט געוואָרן ניט מער ווי 600 דאָלאַר. דער דזשאַדזש האָט אָבער אומגעוואָרפן דעם ווערדיקט און אַנטשידן דאָס איר קומט גאָר ניט.

די דזשורי האָט טאַקע געקענט דענקען דאָס מיס לייאָן האָט געהאָט אַ רעכט צוריקצואווייזן דעם פאָרשלאַג צו זינגען מיט דער פּיאַנאָ אַלס אַ באַליידיקונג, אָבער אין דער ווירקלעכקייט וואָלט איר כבוד גאָרניט געליטן דערפון. אַז מען האָט איר געזאָגט פּיאַנאָ, האָט געדאַרפט זיין פּיאַנאָ.

# ער וויל עסן; זי וויל בילדונג

אַ מאַן דאַרף עסן פרישטיק, און די פרוי דאַרף עס צוגרייטן — אַזוי האָט גע׳פסק׳ענט דזשאַדזש לעהמאַן פון סופרים קאָורט אין דער קייס פון מר. און מרס. קאַסקע.

מר. קאַסקע איז אַ בוטשער און מאַכט גאַנץ גוטע ביזנעס. ער איז אַן איינפאַכער מענטש, האָט ניט קיין פרעטענזיעס אויף וויסנ־שאַפט און ווייסט ניט פון קיין גרויסע חכמות. זיין אידעאַל איז צו זיין געזונט, פאַרדינען גוט און לעבן זיך רואיק, ווי גאָט און לייט האָבן געבאָטן. אַזוי האָט זיך געפירט זיין טאַטע און זיין טאַטנס טאַטע און אַזוי, זאָגט ער, וויל ער זיך אויך פירן.

מרס. קאַסקע, זעט איר, איז שוין פון גאָר אַן אַנדער שניט. זי איז אַ פרוי פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. קודם כל איז זי אַ נער־וועזע און זי מיינט דאָס אַ מאָדערנע דאַמע, וואָס איז ניט נערוועז, איז ממש ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט איר. היינט מיט איידלקייט און בילדונג איז זי גאָר ווי אַנדערע צווי. עפּעס אַ קלייניקייט, ביל־דונג? אויף דערויף איז דאָך דער גאַנצער לעבן געבויט. זי אַליין איז גראַד ניט אַזאַ געלערנטע. ווען האָט זי, אייגנטלעך, געקענט זיך בילדן, אַז צו זעכצן יאָר איז זי שוין געוועזן אַ פאַרליבטע און האָט טאַקע באַלד געהייראַט מר. קאַסקען. אָבער זי האָט געהערט אַ סך פון בילדונג און ווייסט ווי צו שעצן עס.

זי איז אַלט אַ יאָר 35, כאָטש זי זעט אויס מיט צען יאָר איגנער. קענטיק דאָס זי איז אַ ספּעציאַליסטין אין באַנוצן זיך מיט קינסט־לערישע מיטלען אויסצוזען יונג. זי זעט אויס יעדנפאַלס שיין.

דער פאַמיליען־לעבן פון מר. און מרס. קאַסקע איז געוואָרן גאָר ניט פויגלדיק. זי האָט געוואָלט האָבן די פולע אנערקענונג פון איר מאַן אַלס אינטעליגענטקע. אַלס ווייסערין פון אַלץ. זייער איינציק קינד, אַ באַי פון 18 יאָר, האָט זי געוואָלט דערציען לויט איר אייגענעם פאַרשטאַנד: דעם מאַן האָט זי פאַררעכנט פאַר אַ פּראָסטן מענטשן וואָס קען בלויז ברענגען געלט אין הויז און ווייטער גאָרניט.

מר. קאסקע, כאָטש ער איז אַ געדולדיקער מענטש, האָט ביסלעכווייז געגומען פראָטעסטירן און מאַן און ווייב האָבן זיך גענומען אַרומקריגן.

דערצו נאָך פלעגן זיי זיך אַרומרייסן צוליבביידנס פאַמיליעס. דער מאַן האָט ניט געוואָלט ליידן וואָס מרס. קאסקעס שוועסטער קומען אין הויז צו אים און קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ. זיי פלעגן אויך צונעמען מרס. קאסקע פון הויז צו גיין אין דעפּאַרטמענט סטאָרס. האָט ער זיי פּשוט געבעטן מחילה פון זיין הויז.

זיין פאַמיליע האָט אָבער איר אויך קיין נחת ניט געגעבן. זיי זיינען געווען צו פּראָסט פאַר איר, זאָגט זי, און זי האָט ניט געקענט אויסקומען מיט זיי. בקיצור, אורזאַכן פאַר קריגן זיך האָט קיינמאָל ניט געפעלט.

מרס. קאסקע האָט פאַרקלאָגט איר מאַן אין קאָורט. זי האָט פאַרלאַנגט אַ סעפּערייישאַן און סופּאָרט, און האָט אויך געוואָלט דאָס זייער קינד, דער 18־יאָריקער זון, זאָל זיין מיט איר און ניט מיטן פאָטער. מר. קאסקע האָט אָבער גע׳טענה׳ט, דאָס ער האָט ניט פאַראורזאַכט די טראָבל אין דער פאַמיליע. זי איז די אומגערעכטע און ניט ער.

„וואָס בין איך שולדיק”, זאָגט ער, „וואָס איך בין אַ פּראָסטער מענטש און זי איז אַן איידעלע דאַמע? האָט זי ניט געזאָלט מיט מיר חתונה האָבן. איך בין אַ געטרייער מאַן און פאָטער, און וויל אַז אויך זי זאָל זיין אַן איבערגעבענע פרוי”.

„וואָס דאַרפט איר מער”, ווענדעט ער זיך צום דזשאַדזש, „זי וויל מיר אפילו קיין ברעקפעסט ניט מאַכן אין דער פרי ווען איך גיי אַוועק אין ביזנעס. עס איז איר צו קאַלט אויפצושטיין אַזוי פרי. זי איז צו איידל פאַר אַזעלכע זאַכן”.

דער באַוואוסטער ריכטער לעהמאַן האָט דערקלערט, דאָס אונטער די אומשטענדן קען ער איר ניט געבן גערעכט. דעם זון וועט ער געבן צום פאָטער, האָט דער דזשאַדזש געזאָגט, ווייל זיי שטימען זייער גוט. אָבער די מוטער וועט האָבן דאָס רעכט צו וויזיטן אים ווען זי וויל.

# אַן אומגליקלעכער מענטש

ווירצבערג איז אַ יונגערמאַן וואָס האָט אַ שם איבער אַלע דזשיילס. ער איז נאָך אינגאַנצן 29 יאָר אַלט, אָבער אין דער קרי־מינעלער וועלט איז ער באַקאַנט אַלס אַ דערפאַרענער מענטש. זיין קאַריערע אַלס אַ קעסט־קינד הינטער די אייזערנע גראַטעס האָט ער אָנגעפאַנגען ווען ער איז נאָך געווען 13 יאָר אַלט. שוין דאַן האָט ער זיך „פאַרפלאָנטערט" מיטן געזעץ און מען האָט אים אַוועקגע־שיקט אין אַ רעפאָרמאַטאָרי.

זינט דאַן איז אים געגאַנגען ווי אַ רשע אויף יענער וועלט. פון איין פריזאָן אַרויס און אין אַ צווייטן פריזאָן אַריין. די פאַרברעכנס פאַר וועלכע ער איז פאַראורטיילט געוואָרן זיינען מערסטנס געווען פאַר גנבה. אַמאָל אַ קלענערן „דזשאַבל" געמאַכט און אַמאָל אַ גרע־סערן. אָט, ווי עס האָט זיך איינגעגעבן.

איינמאָל, בעת ער איז געווען איינגעשפאַרט אין סינג־סינג פרי־זאָן פאַר בורגלערי, האָט ער ביי זיך אַליין פעסט באַשלאָסן צו ווערן אַן אנשטענדיקער מענטש. גענוג זיך אָנגעזעטיקט מיט פריזאָן. נאָו מאָר! ער האָט זיך פון דאָרטן דורכגעשריבן מיט דעם דעטעק־טיוו, וואָס האָט אים אַרעסטירט, און האָט געבעטן זיין הילף.

דער דעטעקטיוו האָט זיך גראַד מיט אים שטאַרק פאַראינטערע־רעסירט און זיך דערקונדיקט, דאָס ווירצבערג האָט זיך טאַקע פיל געענדערט. ער איז געוואָרן געלאַסענער און האָט אין דער אמת'ן אַ נייגונג צו ווערן אַ בעל תשובה. ער איז אויך געוואָרן שוואַך אין געזונט אַלס רעזולטאַט פון דעם שטענדיקן אַרעסטאַנטן־לעבן.

אַז ער איז ווי עס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון סינג־סינג האָט אים דער דעטעקטיוו געקראָגן אַ דזשאַב אין אַ קוילן־יאַרד. די שווערע אַרבעט, צו וועלכע ער איז גאָר ניט געווען צוגעוואוינט, האָט אויף אים שטאַרק געווירקט. אָבער ער איז געווען פעסט אַנטשלאָסן צו בלייבן אַן אנשטענדיקער מאַן מיט לייטן גלייך. ער האָט זיך אַזוי אָפּגעמוטשעט צוויי יאָר צייט.

שפּעטער האָט ער געטראָפֿן זיינעם אַ באַקאַנטן און זיי זיינען אַריין אין אַ סאַלון און האָבן זיך אַביסעלע פֿאַרשניאַשקעט. דאָס איז געווען אין אָוונט, און אין דרויסן איז געווען גוט קאַלט. האָבן זיי זיך „דערוואַרימט" ביי דער באַר אין סאַלון.

גייענדיק אַהיים שכור׳ע האָבן זיי זיך מישב געווען דאָס מען דאַרף גאַר „עפּעס טאָן". ווירצבערג האָט זיך געהאַט גאַר פֿאַרגעסן פֿון זיין באַשלוס צו בלייבן אַ בעל תשובה. ער און זיין חבר האָבן דאַן אויפֿגעבראָכן די טיר פֿון אַ סאַלון און האָבן אַרויסגע׳גנב׳עט אַ סך באַטלס שנאַפּס.

ווירצבערג איז איבעראַנייס אַרעסטירט געוואָרן.

ער האָט זיך מודה געווען אין אַלץ און האָט דערציילט דעם דזשאַדזש דעם אמת. ער האָט דערקלערט ווי אַזוי ער האָט זיך גענומען צום טרינקען. אויפֿן האַרצן איז אים געווען ניט גוט. די שווערע אַרבעט ווערט אים אָפּט אומדערטרעגלעך. קיין לייכטן דזשאָב קען ער ניט קריגן, ווייל מען דערוויסט זיך זיין רעקאָרד פֿון זיין פֿאַרגאַנגענהייט און מען וויל אים ערגעץ ניט האָבן. האָט ער כאָטש געוואָלט פֿאַרטרינקען די צרות. אַזוי אַרום האָט ער זיך „באַנאַרישט".

דער ריכטער האָט געקראָגן רחמנות אויף ווירצבערגן און האָט אים באַפֿרייט, שטעלנדיק אים אויף פּראָבײשאַן צו זען אויב ער וועט זיך קענען גוט אויפֿפֿירן אין דער צוקונפֿט.

# אַרבעטער אַלס דזשורי-לייט

פון קאָורט נאָך קאָורט קומט אַנטקעגן די אומהיימלעכקייט, וואָס אין די דזשוריס זיינען כמעט ניטאָ קיין אַרבעטער. גלייך אויפן קוק זעט מען, דאָס אין די מייסטע פאַלן באַשטייט די דזשורי פון ביזנעסלייט: סטאָר־קיפּערס, מאַנופעקטשורערס, בראָקערס, אינשור־רענס לייט — דאָס איז דער מאַטעריאַל פון וועלכע די מייסטע דזשוריס ווערן אויסגעקליבן. זייער ברייטער בעל הבית׳ישער אויס־זען זיינען עדות דערויף. מען זעט דאָרטן ניט קיין סך מענטשן מיט פאַרהאָרעוועטע פּנים׳ער און פאַרמאַזאָליעטע הענט. מען דאַרף זוכן און זיפּן צו געפינען אַזאַ פאַרשוין אין אַ דזשורי.

איר טרעפט דזשורי־לייט אין סופּרים קאָורט, סיטי קאָורט, מיוניסיפּאַל קאָורט און קרימינעלע קאָורטס. טויזנטער בירגער ווערן פאַר דעם צוועק געפאָדערט יעדע וואָך אין ניו יאָרק. און גע־וויינלעך זיינען ביזנעס־לייט ניט שטאַרק צופרידן צו פאַרברענגען זייערע טעג אין קאָורט, ווייל קיין פּראָפיטן קענען זיי דאָך זיכער ניט מאַכן, זיצנדיק אין דזשורי באָקס און אויסטיילן גערעכטיקייט. די „ווייגדזשעס״ וואָס די שטאָט צאָלט זיי פאַר יעדן טאָג, וואָס זיי פאַרלירן, זיינען אומבאַדייטנד.

עס איז אַ בירגערלעכע פליכט וואָס יעדער איינער דאַרף דער־פילן און דאָס אַלץ. ווייל דער עולם טאָקע שטענדיק זיך אַרויסמאַכן פון אַזאַ מין עולם־הבא־זאַך.

און טראָץ אַזאַ גרויסער „נאָכפראַגע״ אויף דזשוראָרס זיינען אַר־בעטער דאָך אַ זעלטנהייט דאָרטן. די געשיכטע איז אַ גאַנץ פּשוט׳ע: אַרבעטער זיינען איינפאַך ניט „ווילקאָמען״ אין אַ דזשורי אין די גרעסטע צאָל קייסעס. זיי ווערן פאַררעכנט מייסטנס פאַר „אומגע־ווינשטע בירגער״ מיט וועלכע מען קען בלייבן גוטע פריינט פון דער וויטן. דאָס איז די אורזאַכע וואָרום איר טרעפט זיי ניט קיין סך אין אַ דזשורי.

די אַרבעט פון פאַרזאָרגן די קאָורטס מיט דזשורי־לייט ווערט געטאָן פון אַ באַזונדערן דעפּאַרטמענט אין דער שטאָט רעגירונג. עס

איז דאָ אַ קאָמישאָנער אָוו דזשוראָרס, וואָס דער מעיאָר אַפּוינטעט, מיט אַ גאַנצן סטעף בעאַמטע און קלוירקס. געוויינלעך נעמען זיי די ליסטן פון די בירגער, וועלכע ענראָלן זיך יעדן יאָר בעפאָר עלעק־שאָן און קלייבן אויס פאַרשידענע נעמען, וועלכע ווערן גערופן צו זען אויב זיי זיינען פּאַסיק פאַר דזשורי־לייט. נאָכדעם ווי זיי האַלטן אויס זייער „עקזאַמינײשאָן" ווערן זיי פאַרשריבן אַלס קאַנדידאַטן און ווערן גערופן פון צייט צו צייט אין קאָורט.

אין די געדרוקטע ליסטן פון וואוטערס איז נאַטירלעך אויך פאַרשריבן צו וועלכער פּאַרטיי מען ענראָלט זיך. אָט פון די גע־דרוקטע ליסטן ווערט פון קאָמישאָנער אָוו דזשוראָרס אָדער זיין קלוירק צוזאַמענגעשטעלט אַ צעטל פון דזשורי־לייט. ער זעט דאָן אויך געוויס צו וועלכער פּאַרטיי איינער איז צוגעשריבן. נו, פרעג איך אייך, קען מען דערוואַרטן, דאָס ער זאָל איינלאַדן סתם אַרבעטער צו זיין דזשורי־לייט?

אַלנפאַלס, צי עס ווערט געטאָן אַבזיכטלעך אָדער ניט, קיין אַרבעטער קען מען כמעט קיינמאָל ניט געפינען אין אַ דזשורי. עס איז שווער צו זאָגן אויף ווי ווייט דאָס ווערט דורכגעפירט סיסטע־מאַטיש, דאָס איז אָבער אַ פאַקט.

עס זיינען דאָ נאָך אורזאַכן וואָרום אַרבעטער ווערן ניט פאַר־שריבן אויף דער דזשורי ליסט. אָט, צום ביישפּיל, איז דאָ אַ פּונקט אין דעם ניו יאָרקער געזעץ, וואָס לויטעט, דאָס אום אַ בירגער זאָל קענען זיין אַ דזשורי־מאַן מוז ער אַמווייניקסטנס פאַרמאָגן 250 דאלאר.

ס'פאַרשטייט זיך, דאָס זייער ווייניק אַרבעטער קענען צו אַלע צייטן באַזיצן אַ באַנק־בוך מיט איבער 250 דאלאר. דאָס ווערט אייגנטלעך אַזוי פון אַלעמען פאַרשטאַנען, אַז אויך די קלוירקס פון דעם קאָמישאָנער אָוו דזשוראָרס דעפּאַרטמענט האָבן עס אין זינען און דעריבער ווערט ער גאָר ניט גערופן אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ דזשורי.

מען דאַרף אויך קענען לעזן, שרייבן און פאַרשטיין גוט וואָס מען לייענט אום צו קענען זיין אַ דזשורי מאַן. ניט אַלע אַרבעטער קענען ליידער נאָכקומען די פאָדערונג. זיי האָבן קיין געלעגנהייט ניט געהאַט צו ערלערנען עס.

בינו לבינה קומען אויס אונדזערע טעמפּלען פון געזעץ און יושר אָן אַרבעטער. דאָס איז די אונטערשטע שורה.

און טאָמער כאַפּן זיך דאָך אַריין אַרבעטער צום קאָמישאָנער אָוו דזשוראָרס און זייערע נעמען דערשיינען שוין יאָ ווי עס איז אויף

די ליסטן פון קאַנדידאַטן וואָס ווערן צוגעשטעלט צו די קאָורטס, האָבן זיי אָבער זעלטן אַ זכיה צו בלייבן אין דזשורי באַקס. אַט האָט איר, דאַכט זיך, נאָר וואָס געהערט ווי דער קאָורט קלוירק האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון דעם באַטרעפנדן בעל דבר. און ער האָט געענטפערט ווי געהעריק איז. אַלץ שיינט צו זיין גוט און ריכ־טיק, ביז — ביז די לאָיערס פוןביידע צדדים נעמען אַריין די ליסטע פון די דזשורי לייט אין זייערע הענט. דאַן ווערט ערשט אַ חורבן אין צעטל פון די נעמען.

געוויס איז אַלעמען באַקאַנט, דאָס דער געזעץ דערלויבט יעדן צד אין אַ קייס צו עקזאַמענירן יעדן פאַרגעשלאָגענעם דזשורי מאַן און ענטלאַסן, אָדער אין איינפאַכן אידישן אידיש, בעטן מחילה אַזוי־נעם וואָס געפעלט זיי ניט. אויב דער לאָיער דענקט, אָדער ער האָט בלויז אַ חשד, דאָס דער אָדער יענער דזשורי־מאַן וועט ניט זיין גינסטיק פאַר זיין צד, קען ער אים אויסשליסן. דאָס הייסט בעפאָר די דזשורי ווערט איינגעשוואָרן, און אַן אַנדערער פאַרנעמט זיין פלאַץ. אין געוויינלעכע קייסעס פון די מייסטע קאָורטס האָבן די לאָיערס אין דער הינזיכט אַ פרייע האַנט. זיי ווייזן צוריק יעדן דזשורי־מאַן וואָס געפעלט זיי ניט, גאָר אָן אַ פאַרוואָס.

די ערשטע פראַגע וואָס אַ לאָיער פרעגט דעם דזשורי־מאַן איז וואָס זיין באַשעפטיקונג איז. דאָס איז זייער אַ וויכטיקע פראַגע. ווען איינער ענטפערט דאָס ער איז אַן אַרבעטער, אַן איינפאַכער אַרבעטער, ווערט זיין גורל גלייך פאַרזיגלט אין די מערסטע פאַלן. פון יוצא וועגן פרעגט מען אים כלומרשט נאָך אַ פּאָר פראַגן און דער לאָיער רופט אויס: „דער און דער דזשורי־מאַן איז ענטלאַסן". קיין אורזאַכע דער־פאַר ווערט ניט אָנגעגעבן. די וואָס זיצן אָבער דערביי ווייסן גאַנץ גוט וואָס עס קומט פאַר. אַלע פאַרשטייען דאָס גלייך ווי ער האָט געענטפערט אַז ער איז אַן אַרבעטער, האָט דער לאָיער באַשלאָסן ניט צו האָבן אים אין דער דזשורי באַקס.

דאָס ווערט ניט געטאָן דורכאויס דערפאַר ווייל אַ געוויסער צד האָט פיינט אַן אַרבעטער. ניין, עס איז פשוט אַ פראַגע פון מאַ־טעריעלע אינטערעסן. מען האָט מורא צו נעמען אַ „טשענס" און איבערגעבן דעם אויסגאַנג פון טרייעל אין די הענט פון אַן אַרבעטער.

אין זייער פיל קייסעס זיינען גרויסע רייכע קאָרפּאָריישאַנס די אָנגעקלאָגטע. דאָס הייסט מען מאָנט ביי זיי דעמעדזשעס. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען די קאָורטס פול מיט קייסעס קעגן די פאַרשידענע קאַר קאָמפּאַניס, עלעווייטעד ליינס אָדער ריילראָוד קאָמפּאַניס. דאָס זיינען אַלץ עקסידענט קייסעס. מאַסן קייסעס זיינען קעגן די עקספּרעס

קאָמפּאַניס פאַר פאַרשידענע זאַכן. קייסעס וואו אינשורענס קאָמפּאַ־ניס זיינען פאַרטראָטן זיינען אויך ניט צו פאַרזינדיקן פאַראַן אַ היפּש ביסל. אַזוי זיינען אין די מייסטע קייסעס פאַרוויקלט די רייכע קאָר־פּאָריישאַנס.

די לאָיערס פון די קאָרפּאָריישאַנס וועלן זיכער ניט איבערגעבן זייער „שיקזאַל" פון דעם טרייעל צום יושר פון אַן אַרבעטער. זיי פילן דאָס זיי קענען ניט דערוואַרטן קיין גרויס ליבע צווישן אָרימע בירגער. אגב געטרויען זיי טאַקע ניט אַן אַרבעטער צו אורטיילן זיי. דער באַגריף פון יושר, וואָס אַן אַרבעטער באַזיצט, איז צו „געפער־לעך" פאַר אַ קאָרפּאָריישאַן אָדער אַנדערע רייכע לייט.

דער סך הכל פון דעם איז, דאָס די „שטיף־קינדער" פון דער געזעלשאַפט, די אַרבעטער, זיינען אין די קאָורטס ניט קיין גוטע געסט, און דער אַלטער קאַרל מאַרקס איז מסתמא גערעכט געווען ווען ער האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי קלאַסנקאַמף . . .

# צווי אָפּשאַצונגען

# פון א סאָציאַליסט

פון

הערי שער׳ס פאַרבליבענע שריפטן

# „עפיק"

(פאָליטישע נאָטיצן)

ס'איז שוין צענדליקער יאָרן ווי אפטאָן סינקלעיר איז באַוואוסט אַלס סאָציאַליסט, שריפטשטעלער און דענקער. ער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס אַ זשורנאַליסט; האָט זיך באַרימט געמאַכט מיטן בוך „די דזשאָנגל". שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך ביכער און איז געוואָרן אנערקענט אין דער ליטעראַרישער וועלט. אַלע זיינע ווערק זיינען פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער; געשריבן אין אַ ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישן גייסט און פאַרשפּרייט אַלס אויפקלערונג צווישן די אַרבעטער־מאַסן אין דער גאַנצער וועלט.

אין קאַליפאָרניע, וואו ער האָט זיך באַזעצט מיט יאָרן צוריק, איז אפטאָן סינקלעיר גוט באַקאַנט ניט נאָר אַלס ליטעראַט. ער האָט שטענדיק גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אינם היגן עפנטלעכן לעבן. אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז ער אָבער שטענדיק געווען טעטיק אויסער די גרעניצן פון דער אָרגאַניזאַציע; אַזוי צו זאָגן, איבער די ראָמען פונם פּאַרטיי־לעבן. ער האָט זיך אָם בעסטן איינגעלעבט מיט די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ.

הכלל, אפטאן סינקלעיר איז אין קאַליפאָרניע אַ פּראָמינענטע פיגור אי ליטעראַריש, אי פּאָליטיש. און ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און האָט אַנאָנסירט זיין קאַנדידאַטור פאַר גאָווערנאָר, איז עס פון דערפאַרענע מענטשן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ פּאָליטישער „דזשאָוק". מ'האָט די גאַנצע זאַך ניט גענומען ערנסט. מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז איינע פון יענע „שפּיצלעך", וואָס קומען אַרויס פון סינקלעירס ברויזנדער נאַטור. דעם מאָל איז ער אין התפעלות פון רוזוועלטס „ניו דיעל"; וויל ער דאָס אייגענע נאָכטאָן אין קאַליפאָרניע. עס איז געבאָרן געוואָרן די „עפּיק"־באַוועגונג.

יאָ, וועגן „עפּיק"־פּלאַן: סינקלעיר האָט עס געמאַכט פאַר אַ

„סלאָגאַן" און געשאַפן אַרום דעם אַ גרויסע באַוועגונג. דורך זיינע שריפטן און רעדעס האָט ער פּראָקלאַמירט אַז ווען ער וועט דערוויילט ווערן גאָווערנאָר וועט ער געבן אַלעמען אַזוי פיל לאַנד ווי מען וועט נאָר פאַרלאַנגען, ווייל קאַליפאָרניע האָט אַ סך ווילדע, ניט־קול־טיווירטע לאַנד. ער וועט איבערנעמען אַלע פעקטאָריס וואָס פּוס־טעווען איצט און געבן אַלע אַרבעטסלאָזע דזשאָבס אנשטאָט רעליף. צווישן די פאַרמערס אינם סטייט וועט זיין אַ מין קאָאָפּעראַטיווע. בקיצור — ס׳וועט זיין ממש אַ גן־עדן. דאָס האָט צוגעצויגן צו אים די אָרימע, אָבער גאַנץ גרויסע, באַפעלקערונג און מ׳האָט געגומען גלויבן אין סינקלעירן ווי אין אַ נייעם משיח. זיין פּאָפּולאַריטעט איז ניט באַגרעניצט צו דער אָדער יענער גרופּע. ער האָט אַרום זיך אַלעמען: אַרבעטער און קליינבירגער, פאַרמער און שטאָט־מענטשן. ס׳האָט אויך אַפּעלירט צו דער פאַנטאַזיע פון יאָרן־לאַנג טעטיקע סאָ־ציאַליסטן.

ווי געזאָגט, האָבן געניטע מענטשן פון די אַלטע פּאַרטייען גע־קוקט אויף דער סינקלעיר־באַוועגונג מיט אַ מינע פון חוזק. ביס־לעכווייז האָט מען אָבער זיך גענומען אויסטשוכען ווי פון שלאָף. מ׳האָט דערזען, אַז סינקלעיר האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט רעדן. ער האָט געשאַפן אַ ריזיקע אָרגאַניזאַציע אַרום זיך, וואָס פונקציאָנירט איבערן גאַנצן סטייט ווי אַן עכטער אַפּאַראַט. זיין „עפּיק"־פּאַרטיי האָט אָנגעפירט אַ ווירקזאַמען קאַמפּיין, אום וואָס מער מענטשן זאָלן זיך רעגיסטרירן אַלס דעמאָקראַטן אום צו קענען וואוטן פאַר אים אין די פריימעריס, וועלכע זיינען געווען דעם 28טן אויגוסט. וואוטערס האָבן געביטן זייער פריערדיקע פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט אויף דעמאָקראַטן, וואָס איז זייער לייכט אין קאַליפאָרניע. מייסטנס האָבן עס געטאָן רעפּובליקאַנער, אָבער אויך אַ סך סאָציאַליסטן האָבן עס געטאָן; און קאָמוניסטן אויך.

אין איין שיינעם פרימאָרגן, נאָענט צו די פריימעריס, האָט מען באַמערקט דעם פּלוצלונגען וואוקס פון דער דעמאָקראַטישער רעדזשי־סטריישאָן. ס׳זיינען נאָך קיינמאָל אַזוי פיל דעמאָקראַטן ניט געווען אין קאַליפאָרניע. די אַלטע פירער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבן זיך אויך געכאַפּט און דערזען פאַר זיך די געוואַלטיקע מאַכט וואָס סינקלעיר האָט אין זייערע אייגענע רייען. ס׳איז אויך באַקאַנט גע־וואָרן אַז מרס. רוזוועלט שטיצט סינקלעירן פּאָליטיש. סינקלעיר האָט אין די פריימעריס באַזיגט אַלע זיינע קעגנער מיט אַ וואוט וואָס האָט אַלעמען דערשטוינט. ער האָט געקראָגן מער, אַ סך מער שטי־מען ווי אַלע דעמאָקראַטישע קאַנדידאַטן צוזאַמענגענומען. צווישן די דורכגעפאַלענע איז געווען דער באַרימטער דזשאָרדזש קריל מיט

זיין יחוס־צעטל פון פרעזידענט ווילסאָן. ער איז געווען ווילסאָנס רעכטע האַנט אין די מלחמה־יאָרן. סענאַטאָר מעקאַדו, דער קאַ־ליפאָרניער פּאָליטישער באָס און רוזוועלטס פּאַרטרעטער אין סטייט, צוזאַמען מיט דער אַדמיניסטראַציע פון וואַשינגטאָן, האָבן קאַמפּיי־נעוועט פאַר קרילן, אָבער ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן — סינקלעיר האָט געוואונען די דעמאָקראַטישע נאָמינײשאָן.

גלייך נאָך די פריימעריס זיינען די גרויסע קאַרפּן־קעפּ פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַרויס אָפן און האָבן אינדאָרסירט סינ־קלעירן. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? לויט געזעץ איז סינקלעיר גע־וואָרן זייער „טשיף״ פון סטייט. פאַר דער וועלט האָט עס יאָקבי געהייסן, אַז זיי האָבן „אַריבערגעוואונען״ סינקלעירן, געמאַכט פון אים אַ לייטישן מענטשן, כאָטש איין גאָט ווייסט אַז זיי האָבן אים ניט געקענט ניט אַרונטערשלינגען און ניט אויסשפּייען.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויך די סטייט פעדערײשאָן אָוו לייבאָר איז אַרויס פאַר סינקלעירן. דיזעלבע פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וואָס האָט קיינמאָל קיין צו גרויסע ליבע ניט געהאַט צו אים פּערזענלעך, און זיכער ניט צו זיינע פריערדיקע סאָציאַליסטישע קאַמפּיינס!

דער אויסגאַנג פון די וואַלן — אַה, ווי טראַגי־קאָמיש! סינקלעיר האָט פאַרלאָרן, די דעמאָקראַטן האָבן פאַרלאָרן, די סאָציאַליסטן האָבן פאַרלאָרן. מען געדענקט שוין אפילו ניט דאָס וואָרט „עפּיק״...

# „פאָרווערטס און יוניאָנס״

„פאָרווערטס״ מיינט אויך בויען דעם אידישן אַרבעטער לעבן אין אַמעריקע — דאָס איז אַלעמען באַוואוסט.

ווי עס איז אומעטום, אַזוי אויך אין קאַליפאָרניע. פונקט ווי אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיע אָדער שיקאַגאָ, אַזוי אויך אין לאָס אַנ־דזשעלעס און איבערן גאַנצן פּאַסיפישן ברעג איז דער „פאָרווערטס״ תמיד געווען דער גרויסער בויענדער כח פאַר דער אידישער אָר־גאַניזירטער אַרבעטערשאַפט.

די קאַלירפולע געשיכטע פון דעם „פאָרווערטס״ אין קאַליפאָרניע, מיט דעם אידישן צענטער פון לאָס אַנדזשעלעס, פאַנגט זיך אָן מיט דער פעריאָדע פון גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויך פריער איז דער „פאָרווערטס״ געלייענט געוואָרן אין קאַליפאָרניע; ער פלעגט אָבער נאָר אָנקומען צו איינצלנע. קיין אָפּיס מיט אַ באַ־זונדער אויסגאַבע איז ניט געווען ביז מיט אַ צאָל יאָרן צוריק.

ס׳איז צום קרעדיט פון ב. וולאַדעק, וואָס דער „פאָרווערטס״ איז עטאַבלירט געוואָרן אויך אין קאַליפאָרניע. ער האָט געזען, אַז עס וואַקסט דער אידישער ישוב מיט אַ באַדייטנדע אָרגאַניזירטע אַרבע־טערשאַפט.

דאָס איז געווען אין די יאָרן 1919־1920, דאַן, ווען די ערשטע גרויסע וואַנדערונג איז פאָרגעקומען צווישן אידן אין אַמעריקע, פון דער איסט צו דער וויי‏טער וועסט. פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך אָנ־געהויבן אַ נייער קאַפּיטל מיט אַ סך דערגרייכונגען פאַר פּראָגרעסיווע אידן בכלל און ספּעציעל פאַר אידישע אַרבעטער. דורך דעם „פאָר־ווערטס״ און פונם „פאָרווערטס״ זיינען אידישע יוניאָנס אין לאָס אַנדזשעלעס געקומען צום לעבן און זייער פיל געהאָלפן געוואָרן. דער „פאָרווערטס״ איז פאַקטיש געווען דער, וואָס האָט זיי געגרינדעט און אויסגעהאַלטן.

מ׳דאַרף זיין באַקאַנט מיטן אַלגעמיינעם לעבן אין לאָס אַנדזשע־לעס צו יענער צייט, כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דער גרויסער

און היסטאָרישער ראָל, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געהאַט אַלס בויער פון די אידישע יוניאָנס. קיין „אידישע" טריידס זיינען נאָך ניט געווען אין יענע יאָרן, און קיין אידישע יוניאָנס — אוודאי ניט. בכלל זיינען געווען זייער ווייניק אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער. דאָס רוב אידישע פאַמיליעס פון די „פרע־היסטאָרישע" צייטן אין לאָס אַנדזשעלעס, זיינען געווען קרעמער, פּעדלער און געשעפטסלייט. אויסער פרנסה האָבן זיי געהאַט צו טאָן מיט זייערע לונגען. פון וואַנען־זשע זאָל דאָ ווערן אַ אידישע יוניאָן ?

אָבער מיט דער צייט האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געביטן און די ענדערונג איז געווען צום גוטן. די נייע אימיגראַציע אין קאַלי־פאָרניע האָט געבראַכט אַ געזונטן אַרבעטער־עלעמענט: שניידער, קלאָוקמאַכער, בעקער, און זיי זיינען געקומען פון ניו יאָרק, פון שי־קאַגאָ, פון דעטראָיט, פון קענעדע — פון וואַנען ניט ? זיי אַלע זיינען געווען יוניאָן לייט נאָך פון פריער.

קומענדיק איז קאַליפאָרניע, אין אַ „נייע לאַנד", האָבן זיי געהאַט פּראָבלעמען אויפן עקאָנאָמישן געביט. נאָכדעם ווי מען קריגט אַרבעט, און מען אָרדנט זיך איין אַביסל, דערפילט מען די נויטיקייט פון אַ יוניאָן. אין לאָס אַנדזשעלעס האָט מען אָבער דאָן געפונען אַ שוואַכע יוניאָן, אָדער גאָר קיין יוניאָן ניט. האָט מען זיך געמוזט אַ נעם טאָן צו בויען יוניאָנס. און דער „פאָרווערטס" האָט עס געטאָן.

דערצו זיינען אויך געווען עכט אידישע צרות. אָט זיינען גע־קומען אידישע בעקער־אַרבעטער פון ניו יאָרק; ווי עס איז געקראָגן אַרבעט און גענומען זיך „איינבירגערן" אין זייער נייער היים. מען האָט זיי אויך אַריינגענומען גלייך אין דער אַלגעמיינער בעקערס יוניאָן, וואָס האָט שוין פון פריער עקזיסטירט. אָבער די יוניאָן איז געלעגן אין דייטשע הענט. די פירער, די באַאַמטע — אַלע זיינען געווען דייטשן. די נייע אַריבערגעקומענע, אידישע וואָגלער, זיינען אין דער יוניאָן פון דייטשן ניט געווען צו שטאַרק „ווילקאָמען". די ניו יאָרקער אידישע יוניאָן לייט האָבן זיך געפילט ווי יתומים.

הכלל, זיינען אָט די „יתומים" געקומען אין „פאָרווערטס" אָפיס און געבעטן ברודערלעכע הילף אין זייער שווערער לאַגע. דער „פאָרווערטס" אָפיס איז געווען דער מיטלפונקט פאַר אַלע נייע „אי־מיגראַנטן" אין לאָס אַנדזשעלעס. און אַזוי דאַרף עס זיין, פאַרשטייט זיך. אויך די אידישע בעקער האָבן זיך געפילט גאַנץ היימיש אין „פאָרווערטס" אָפיס. דאָרטן איז פאַקטיש געווען זייער „בירזשע", זייער מיטינג־לאָקאַל.

און עס איז ניט נאָר די בעקער יוניאָן אַליין. מיט די אַנדערע יוניאָנס פון אידישע אַרבעטער איז געווען דאָס אייגענע. די יוניאָנס פון קלאָוקמאַכער און מענער שניידער האָבן ענלעכעס דורכגעמאַכט. זיי אַלע כמעט זיינען געגרינדעט געוואָרן מיט דער מיטווירקונג און מיט דער פולער מיטהילף און אונטערשטיצונג פון „פאָרווערטס". אין יענע „גוטע־אַלטע־צייטן", ווען איצטיקע רייכע יוניאָנס האָבן נאָך אויף קיין רענט ניט געהאַט, איז דער היגער „פאָרווערטס" אָפיס געווען אויך זייער אָפיס.

עס איז באמת גאָרניט קיין וואונדער, וואָס די אידישע אַרבעטערשאַפט באַטראַכט דעם „פאָרווערטס" אַלס אַן אָרגאַנישן טייל זייערן. דער „פאָרווערטס" און די יוניאָן זיינען כמעט איינס און דאָס זעלבע. אפילו די באַלעבאַטים אין די פאַרשיידענע טריידס קוקן אַזוי אויפן „פאָרווערטס". ווען עס מאַכט זיך אַ קאָנפליקט צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים, קומט דער „פאָרווערטס" אויך אַריין אינם קאַמף. דאָס קען באַשטעטיקט ווערן פון די אָפיציעלע רעקאָרדס אין אונזערע קאָורטס. אין די מערסטע אינדזשאַנקשאַן קייסעס פון אידישע באַלעבאַטים קעגן סטרייקערס, האָט מען געקלאָגט דעם „פאָרווערטס" און די יוניאָן צוזאַמען. דאָס זיינען פאַקטן.

און אַזוי איז די געשיכטע „פאָרווערטס" ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער גלאָררייכער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון אידישן אימיגראַנטן־דור. דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע אידעאַלן, האָט דער „פאָרווערטס" געהאָלפן דערציען און לערנען דעם אידישן פאָלקסמענטש צו זיין אַ נוצלעכער און קאָנסטרוקטיווער בירגער אין דער געזעלשאַפט.

# • ספאנסארס •

## פריינד און פריינדינע:

משה אבראמאָוויץ
נ. אבראמאָוויטש
ה. אייזנסאָן
י. איזגור,
נ. אַלפּערט,
סאַן פראנציסקא
ה. אַלפּערן
י. אפּטייקער
ס. מ. אַשרי
ל. באביץ
מאיר באראן
וו. באראנאָווסקי
סעם בודמאַן
בונין
י. ברזלי
ד. גאָלדמאַן
ס. ה. גאלטער
עדי גארבער
ס. דזשאָזעף
ס. גרינסטיין
ב. וויינבערג
דוד זאלין
ד. ליוויי, פרעזנאָ
היימאַן לייטנער
י. ליסאָן, אָוקלענד

י. מאקאָווסקי
וו. מארגאָלים
י. מינקאָף
מ. מישקין
ט. ניומאַן
בען סאָלניט
סמיט, פרעזנאָ
יהושע פּאָרבער
בען פיינבערג, סאַן דיעגא
י. פרידלאנד
פּנחס קאָרל
יוסף קלאצמאַן
מאקס קליגמאַן
דר. זאנוויל קליין
היימאַן קעלער
ה. קעסט, פרעזנאָ
דזשייקאב קראסעל
י. ראָזען
ה. ראָטבלאַט
חיים שאַפּירא
וו. שוגער
י. שווארץ
שיינין
דוד שייער, שיקאגא
סעם שעראָף

## פ ר י י נ ד :

| | |
|---|---|
| סעמיועל גאָרדין | ישראל קראָנין |
| א. ניקילס, סאַן פראַנציסקא | מ. ראָזנבערג, |
| ה. סטיין | סאַן פראַנציסקא |
| ישראל פרימאַן | ד. רובין |
| י. קאַסאָף | ישראל שלאָסער |

## פ ר י י נ ד י נ ע ס :

| | |
|---|---|
| חנה מילנער | בעקי פּראַטים |
| קלאַרא סטענקעוויץ | בעסי פרידמאַן |

# • ספּאָנסאָרס •

## אַרבעטער רינג בראַנטשעס

### סאַוטערן דיסטריקט

לאָנג ביטש בראַנטש 311

קראָפּאָטקין בראַנטש 413

וולאַדעק בראַנטש 443

איינשטיין בראַנטש 473

דעבס בראַנטש 590

מאיר לאָנדאָן בראַנטש 605

פּאַסאַדינא בראַנטש 654

מעדעם בראַנטש 655

ליעסין בראַנטש 663

טאָהאַנגא בראַנטש 673

נאָרט האָליוואָוד בר. 676

מאָרים זיגמאַן בר. 691

חיים סאָלאָמאָן בר. 691

פּראָגרעסיווער בראַנטש 933

בעי סיטי בראַנטש 967

מאָרים ווינטשעווסקי בר. 983

ווילשייר בראַנטש 187-אי

אַמאַלגאַמייטעד בר. 669-אי

וואַנגאַרד בראַנטש 1016

סאן גאבריעל ברענטש 1021

ברענטש 1034

סאן פערנאנדא וועלי בר. 1042

•

ברענטש 152

טוסאן, אריזאָנא

ברענטש 172

פיניקס, אריזאָנא

ברענטש 358

סאן דיעגא

ברענטש 619

פרעזנא

**נאָרטערן דיסטריקט**

ברענטש 114 סאן פראנציסקא

ברענטש 287 אָוקלענד

ברענטש 660 סטאָקטאן

ברענטש 695 פעטאלומא

ברענטש 698 אָוקלענד

ברענטש 806 סאן פראנציסקא

ברענטש 822 אוקלענד

ברענטש 1054 סאן פראנציסקא

**לאַנדסלייט פון שערס**

**שטעטל לונע**

פריינד און פריינדינע

ל. ארקין, פרעזידענט

פון ארבעטער רינג

ה. ש. מייזיל

מ. שנייער

**פון שערס פאַמיליע**

פר. און פריינדינע שער

(אַ ברודער)

פריינדינע לינא מורסטיין

(אַ שוועסטער)

מיט איר פאַמיליע

פר. און פריינדינע

איזידאָר מורסטיין

(אַ פלימעניק)

# אינהאַלט


| | זייט |
|---|---|
| ה. לאַנג: באַמערקונגען | 5 |
| ל. אַרקין: מיין חבר אריה | 14 |
| נחום כאַנין: אונזער הערי שער | 17 |
| יהושע פאַרבער: פאַמיליע־מענטש — | |
| דער אַרבעטער רינג, זיין משפחה | 21 |
| ליבע־מרים פאַרבער: יזכור | 27 |
| וויאָלעט שער־קויפמאַן: די טאָכטער דערציילט | 28 |
| ל. קויפמאַן: אַ געפיל פון אַן איידעם | 34 |
| שערע קויפמאַן: בענקשאַפט נאָכן זיידן | 36 |
| מילטאָן שער: אַ געשיכטע מיט אַן עפּל | 37 |
| ליבע־מרים פאַרבער: שלאָף רואיק, ליבער מילטאָן | 39 |
| ה. שער: מענטש און געזעץ | 41 |
| קינד קעגן פאָטער | 43 |
| דער גוי׳אישער ריכטער | 45 |
| פריוואַט־אייגנטום | 47 |
| דער מאַן „מעג זיין" אַ גנב | 49 |
| ירושה | 52 |
| פּאַטריאָטיזם | 54 |
| יושר | 56 |
| אַזאַ מאַן־און־ווייב | 57 |
| געריכט קעגן געריכט | 59 |

זייט


זיי טרעפן זיך נאָר אין קאָורט . . . . . . . 61
ניט קיין יחסן . . . . . . . . . 63
דער „צעבוטשערטער״ לשון . . . . . . . 64
שוויגער און מאַמע . . . . . . . . 66
דער קינסטלער . . . . . . . . . 70
„ראַסן־געפיל״ און געלט . . . . . . . 71
וואָל סטריט . . . . . . . . . . 73
דער באָרדער . . . . . . . . . . 76
די אַקטריסע . . . . . . . . . . 78
אַ טרענספער מיט צרות . . . . . . . 80
רחמנות אנשטאט געזעץ . . . . . . . 81
אַלץ הייסט אומגליק . . . . . . . . 83
ווער זאָל קריגן די אינשורענס . . . . . . 85
אַ צוואה . . . . . . . . . . . 86
אַ מוטערס טרערן . . . . . . . . . 87
„למהדרין מן המהדרין״ . . . . . . . 89
אַ ראָמאַן . . . . . . . . . . 91
צוויי פּאָעטן . . . . . . . . . . 94
טאַקע אַ גלח, אָבער . . . . . . . . . . 96
גיפט . . . . . . . . . . . 98
דער נצחון פון אַ פּיאַנא . . . . . . . 100
ער וויל עסן, זי וויל בילדונג . . . . . . 102
אַן אומגליקלעכער מענטש . . . . . . . 104
אַרבעטער אַלס דזשורי־לייט . . . . . . 106

| | |
|---|---|
| | זייט |
| ה. שער: צוויי אָפּשאַצונגען פון אַ סאָציאַליסט | 111 |
| „עפּיק" | 113 |
| „פאָרווערטס" און יוניאָנס | 116 |
| ספּאָנסאָרס | 119 |


פיר זייטן פאַמיליע־בילדער